# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

פנחס

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

*באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

*לשה"ק*
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

*אידיש*
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

*ענגליש*
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

*היספאניש*
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

*פראנצויזיש*
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

*איטאליעניש*
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

*רוסיש*
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2024 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת פינחס

ובני פלוא - דער באַשעפער טוט נישט קיין מאָדנע זאַכן ח"ו סתם אַזוי.......................................ב

כי צוררים הם לכם - פיינט האָבן דעם יצר הרע............................................................ט

בדין הוא שיטול שכרו - נישט ענטפערן ווען מען ווערט פארשעהמט........................................טו

סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# פרשת פינחס

### ובני פלוא - דער באַשעפער טוט נישט קיין מאָדנע זאַכן ח"ו סתם אַזוי

אין דער הייניטיגער פרשה (כו, ח) לייענען מיר: 'ובני פלוא אליאב'. האָבן צדיקים געטייטשט, אַז דער פסוק רעדט דאָ וועגן די שבח פון אידישע קינדער, איבער זייער שטאַרקע אמונה אין באַשעפער. 'ובני פלוא' - דאָס וואָרט פלוא איז פון לשון פאַרהוילן, (אַזוי ווי 'במופלא ממך אל תדרוש'). קומט דער פסוק לערנען, אַז אויך אויב מ'זעהט נישט באַלד די חסדים און ניסים פון דעם אויבערשטען, עס איז אַ בחינה פון 'החושך יכסה ארץ', און די מענטשן זעהען נישט די טובה אין די הנהגה פון דעם אויבערשטען מיט זיי, און פונדעסטוועגן גלייבן זיי אַז 'אליאב' אַלעם איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא[א], אונזער ליבער טאַטע אין הימל[ב] ('א-לי אב'),

---

**א.** מיר האָבן געהערט אַ מורא'דיגע מעשה וועגן דעם כח פון אמונה און תפילה צום באַשעפער, וואָס האָט פּאַסירט מיט די רעביצין פונעם ראש ישיבה פון דער חברונ'ער ישיבה וואָס געפינט זיך אין דער 'גאולה' געגנט פון ירושלים, הגאון רבי חיים סרנא זצ"ל. די רעביצין איז געווען אַ יונג מיידל ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה אין אייראָפּע, און ווי באַקאַנט, ווער עס האָט נאָר געקענט אַנטלויפן פון די דייטשע רשעים ימ"ש, איז אַנטלאָפן. אויך די רעביצין איז אַנטלאָפן אין וועלדער און פעלדער, ביז זי איז אָנגעקומען צו אַ גרויסן אָפענעם פעלד, און זי האָט דאָרט געזעהן אַ הערליך גרויסע 'ווילאַ', און זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פרייען, האָפענדיג אַז די אייגנטימער פונעם הויז, וואָס געפינט זיך ווייט פון דער רוישיגער שטאָט, וועלן מסכים זיין איר אַריינצונעמען אין זייער הויז און איר געבן שוץ. מיט אירע לעצטע כוחות, איז דאָס מיידל געגאַנגען דעם גאַנצן וועג איבער דעם פעלד און דעם הויף פאַר'ן הויז. ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר, האָט זי געשריגן: 'גוטהאַרציגע מענטשן... ראַטעוועט מיך, ראַטעוועט מיך!'

צו איר שטוינונג האָט די טיר זיך געעפענט, און ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס איז טאַקע נישט געווען אָנגעקליידט אין אַ מיליטערישן מונדיר, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע 'וואָנצע', וואָס עס האָבן געוועניליך געטראָגן די רשעות'דיגע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט זייערע אויגן געוואָרפן אַ שרעקליכן פחד און מורא. דער פאַרשוין איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער הויפּט קאָמענדאַנט פון די דייטשע נאַציס ימ"ש אין יענעם קרייז...

דאָס מיידל האָט באַלד באַגריפן אין וואָס פאַר אַ צרה זי איז דאָ אַריינגעפאַלן, און ער האָט טאַקע זיך אָנגערופן הויך אויפ'ן קול: 'אָהָ, אַ יוד'..., באַגלייט מיט אַ הויכן רשעות'דיגן געלעכטער...

דאָס מיידל איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון פחד, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט און מיט די לעצטע כוחות האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אין דער וואַנט. דער רשע האָט אויסגעשריגן: 'נאַרישע אידענע... דעם גאַנצן וועג ביזטו געלאָפן כדי אַריינצוקומען אין מיינע הענט... איך קען דיך דאָך אומברענגען אין איין סעקונדע ה"י'. פּלוצלינג האָט ער אָבער געטוישט די מינע אויף זיין פנים, ער האָט אויפגעהערט לאַכן, און זיך געוואָנדן צו דעם מיידל: זאָג נאָר, קינד לעבן, ווי אַזוי ביזטו אָנקומען ביז צו דער טיר פון מיין הויז? האָט דאָס מיידל איהם געוויזן דעם וועג אויף וועלכן זי איז געגאַנגען, און אויך דעם פעלד און הויף פאַר'ן הויז ביז זי איז אָנגעקומען אַהער. האָט דער נאַצי איר געזאָגט: 'איך האָב דאָך אַוועקגעשטעלט הינט צו היטן מיין הויז, ווי אַזוי האָבן זיי דיך נישט צעביסן?!...'

האָט דאָס מיידל זיך אויסגעדרייט און אַרומגעקוקט אין הויף, און דאַן האָט זי טאַקע געזעהן אַז אין הויף דרייען זיך צענדליגער הינט מיט מערדערישע ציין.... אויב זי וואָלט זיי געזעהן פריהער, וואָלט זי דאָך נישט געוואַגט איבערצוטרעטן די שוועל פונעם הויף. פון דער צווייטער זייט, איז דאָך אָבער געווען אַ 'מציאות', אַז דאָס מיידל איז געשטאַנען אין הויף פאַר דער טיר פונעם הויז, און זי האָט איבערגעלעבט די מערדערישע הינט אין הויף, און ס'איז אַ פאַקט אַז זי לעבט...

דער רשע האָט אַלזאָ געטראַכט ביי זיך: ווער ווייסט צי דאָס מיידל האָט נישט אין זיך כוחות פון כישוף א.ד.ג. האָט ער איר געזאָגט: 'גיב אַ קוק. הייניטיגע נאַכט ביזטו איינגעלאַדן צו שלאָפן דאָ ביי מיר אין הויז, און מאָרגן

אינדערפרי וועל איך דיך אַרויסשיקן פון דאָ, און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דו וועסט דאַרפן אַרויסגיין אין וועג דורכ'ן הויף וואו די הינט געפינען זיך, און דאַן וועל איך זעהן: אויב די הינט וועלן טוהן זייער אויפגאַבע (וואָס זיי דאַרפן צעפליקן אויף שטיקער יעדן איינעם וואָס טרעט נאָר איבער די שוועל פונעם הויף) וועט דאָך נישט בלייבן פון דיר אַ שריד ופליט (ח"ו), און אויב דו וועסט געראַטעוועט ווערן פון זייערע הענט, וועל איך וויסן אַז דו ווערסט געהיטן פון הימל מיט אַ באַזונדערע שמירה, און דאַן פאַרזיכער איך דיר, אַז איך וועל דיך היטן, און איך וועל נעמען פאַראַנטווארטליכקייט פאַר דיין לעבן, ביז'ן סוף פון דער מלחמה'.

ביים דערציילן די געשיכטע, פלעגט די רעביצין צוגעבן: פרעגט נישט ווי אַזוי ס'איז אַריבער אויף מיר יענע נאַכט, ווייל עס איז נישט 'אַריבער'... אין משך פון דער גאַנצער נאַכט האָב איך געוויינט מיט הייסע טרערן צום באַשעפער, וויסנדיג וואָס עס טוט מיך ערוואַרטן מאָרגן אינדערפרי. איך האָב שוין 'געזעהן' מיט מיינע אויגן ווי די הונגעריגע הינט שפּרינגען אַרויף אויף מיר און צערייסן מיך אויף שטיקער. פאַרטאָגס, האָב איך זיך געשטאַרקט און מתפלל געווען צום באַשעפער, אנא ה' הושיעה נא. איך האָב געזאָגט צו דעם אויבערשטען: 'איך וואַרף זיך אַרויף מיט מיין גאַנצן מצב אויף דיר, אָבער איך בעט דיך, איך בין דאָך אַ יונג מיידל, ראַטעווע מיך'...

אַזוי ווי ס'איז געוואָרן טאָג, האָט דער רשע איר אַרויסגעשיקט פון הויז, און זי איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף רואיג און געלאַסן, אָן קיין מורא. זי האָט נאָר געטראַכט וועגן 'אין עוד מלבדו'. דער אויבערשטער איז טאַקע געווען מיט איר, און 'לא יחרץ כלב לשונו', קיין הונט האָט נישט געעפענט דעם פיסק. ערשט ווען זי איז אַרויס פונעם טויער און זי האָט מער נישט געהאַט קיין פחד, האָט זי פון גרויס שמחה אַז דער אויבערשטער האָט איר געהאָלפן, אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, וואָס זי האָט די אַלע שעה'ן פריער זיך צוריקגעהאַלטן דערפון. דער רשע, דער נאַצישער קאָמאַנדיר, האָט טאַקע געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגן ווי עס פאַסירט דאָ אַ הימלישער נס מיט'ן מיידל, און ער האָט אָן אַ ברירה געהיטן זיין צוזאָג, און איר אָפּגעהיטן ביז'ן סוף פון דער מלחמה.

פון דעם קענען מיר לערנען, אַז אַפילו אַ פאַרציקענדער בעל חי, איז נישט אַנדערש ווי דעם באַשעפער'ס 'לאַנגע האַנט'. אויב עס פאַרציקט ח"ו, איז עס נאָר מיט דעם באַפעל און שליחות פון באַשעפער, און אויב דער אויבערשטער שיקט איהם נישט, וועט ער נישט אָנרירן אַ מענטש אַפילו אינעם שפּיץ פינגער.

**און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר בנוגע הינט, נאָר אויך ביי מענטשן וואָס זענען 'הינט אין דער געשטאַלט פון מענטשן'. קיינער פון זיי קען דיר נישט שלעכטס טוהן אויב דער אויבערשטער האָט נישט באַפוילן דערויף פריער. נישט דער 'הונט' איז דער וואָס טוט שלעכטס, נאָר דער אויבערשטער פירט די וועלט. 'ברצות ה' דרכי איש, גם אויביו ישלים אתו' - אויך דער גרויזאַמסטער קאָמאַנדיר וועט משלים זיין מיט'ן פאַקט, אויף אַזוי ווייט, אַז ער וועט אַליין ווערן דער 'וועכטער' אויף אַ יונג אידיש מיידל...**

די פאָלגענדע מעשה, האָט פאַסירט עטליכע וואָכן צוריק, דאָנערשטאָג פרשת קרח תשפ"ד. אַ גאָר וואוילער יונגער בחור, האָט באַקומען אַן אינפעקציע ל"ע אין די בלוט, און עס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אויף אַן אומגעווענדליכן אופן, ביז די אינפעקציע איז אָנגעקומען צום האַרץ און ער איז געווען אין אַ געפאַר ל"ע. ער האָט צוליב דעם געדאַרפט פאַרברענגען אַ צייט אין שפּיטאָל, פאַר מעדיצינישע באַהאַנדלונגען און אַן אָפּעראַציע אויפ'ן האַרץ. זיינע חברים האָבן איהם געוואָלט דערמוטיגן און דערפרייען, האָבן זיי געפּלאַנט צו מאַכן אַ גרויסע סעודה ליל שישי, מיט דברי תורה און אַ מוזיקאַלישן פּראָגראַם. די פאַרוואַלטונג פונעם שפּיטאָל האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען צו געבן זיי אַן אָרט אין שפּיטאָל צו פּראַווען דאָרט די סעודה פאַר דעם בחור, מיט דער טענה אַז מ'טאָר בשום אופן נישט אַריינלאָזן באַזוכער נאָך די 'באַזוך שטונדן'. די חברים פון דעם בחור האָבן פּרובירט אַריינמישן עסקנים און דאָקטוירים, אָבער די פאַרוואַלטונג פון שפּיטאָל איז געווען איינגעשפּאַרט, און געזאָגט 'לא' מיט אַ 'גרויסע אל"ף'... מ'וועט דאָ נישט קענען מאַכן די סעודה ליל שישי.

אויף אַזוי פיל האָבן זיי יאָ מסכים געווען, אַז דער בחור זאָל קענען פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל צו אַ דערנעבנדיגן אָרט, און דאָרט קענען זיי פייער'ן וויפיל זיי ווילן. האָבן די חברים פון דעם בחור פּרובירט דינגען אַ זאַל וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון שפּיטאָל, אָבער עס איז געווען 'פאַרנומען' יענע נאַכט. אויך די אַנדערע ערטער וואָס האָבן אויסגעזעהן צו זיין צוגעפּאַסט פאַר דעם צוועק (ווי פון חסד אָרגאַניזאַציעס א.ד.ג.) האָבן זיי נישט באַוויזן צו באַקומען. די בחורים זענען שוין געשטאַנען גרייט מיט אַלע צרכי הסעודה, אָבער קיין אָרט וואו צו מאַכן די סעודה, איז נישט געווען...

דריי יונגעלייט וואָס באַלאַנגען אין יענע קהילה און אַרבעטן אַלס 'מלמדים' אין עטליכע תלמוד תורה'ס אין די געגנט פונעם שפּיטאָל, האָבן זיך געוואָנדן צו די מנהלים פון זייערע חדרים צו באַקומען רשות צו מאַכן די סעודה אין זייער תלמוד תורה, אָבער 'צוליב וועלכע סיבה' האָבן אַלע דריי מנהלים, פון די דריי תלמוד תורה'ס, נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן (גלייך ווי זיי וואָלטן געמאַכט אַ 'יד אחת' צו פּראַווען אַ 'תענית דיבור'...). אַלע זענען געשטאַנען פאַרלוירן, ביז איינער פון די מלמדים איז אויפגעקומען מיט אַ געדאַנק: צו בעטן איינע פון די עלטערן וואָס האָט אַ קינד אין אַ שכנות'דיגע תלמוד תורה (די קינדער וואָס לערנען אין דער תלמוד תורה, וואוינען אין יענע געגנט), אַז ער זאָל באַוויליגן צו 'געבן' זיין 'דיינינג רום' פאַר דער סעודה. מ'האָט טאַקע געטראָפן אַן 'איש החסד', וואָס האָט אַפילו צוגעגעבן, אַז ער וועט דעקן אַלע קאָסטן... זיי האָבן טאַקע געמאַכט די סעודה דאָרט ביי איהם אין הויז, און זיך געפרייט מיט אַ סעודה של מצוה, פון אהבת חברים און ביקור חולים, אין אַ געהויבענער שטימונג. און וואונדער איבער וואונדער: עטליכע מינוט נאָך דעם ווי מ'האָט געפונען אַן אָרט, האב אַלע דריי מנהלים 'צוריקגערופן' צו די מלמדים, פרעגן וואָס זייער באַגער איז געווען...

אינמיטן די סעודה, האָט דער 'גאַסטגעבער' זיך אינטערעסירט ביי די בחורים, 'לשמחה מה זו עושה'... און מ'האָט איהם דערציילט די מחלה פון וועלכער דער בחור ליידט ל"ע. האָט דער איד געזאָגט: דאָ אין אונזער בנין, וואוינט אַ איד וואָס האָט געהאַט די זעלבע קראַנקהייט. מ'האָט איהם אַריבערגערופן, און ער איז געקומען און מחזק געווען דעם בחור און זיינע עלטערן (לויט דער זעלטענהייט פון דער קראַנקהייט איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי באמת קענען מחזק זיין), און ער האָט זיי אַפילו געגעבן גוטע עצות ווי אַזוי צו באַהאַנדלען די אינפעקציע פון זייער זון. דאָס איז געווען פאַר זיי גאר אַ גרויסער תועלת, ווייל וויבאַלד די מחלה איז אַ זעלטענע האָבן זיי כמעט נישט געפונען עמיצן וואָס האָט שוין אַדורכגעמאַכט אַזאַ 'פּרשה', אַז זיי זאָלן הערן פון 'כלי ראשון' עצות און הדרכות וואָס צו טוהן.

דאַן האָבן זיי געזעהן אויף אַ קלאָרן אופן, ווי מ'האָט פון הימל 'פאַרמיטן' פון זיי יעדע מעגליכקייט צו מאַכן די סעודה אין אַן אַנדערן אָרט, כדי זיי זאָלן צום סוף אָנקומען צו יענע דירה, וואו עס וואוינט אַ שכן וואָס קען זיי העלפן...

**'ישמע חכם ויוסיף לקח', אין די ענינים וואָס רירן אָן אין טאָג-טעגליכן לעבן, אַז אויב איינער שפּאַרט זיך איין נישט צו טוהן דיר אַ געוויסע טובה, אָדער אַ צווייטער און אַ דריטער הייבט נישט אויף דעם טעלעפאָן פאַר דיר... זאָלסטו נישט ווערן אין כעס אויף איהם, נאָר דו זאָלסט וויסן אַז עס איז פון דעם באַשעפער, כדי צוצוברענגען פאַר דיר די טובה און ברכה.**

אַ שניידער וועלכער איז געווען אַ 'יחיד מומחה' אין זיין פאַך, און פלעגט אויפנייען הערליכע קליידער פאַר מענטשן, פלעגט נעמען אַ גוטן פרייז פאַר דער אַרבעט, און וויבאַלד זיין שניידעריי האָט איהם געמאַכט אַ גוטן נאָמען, האָט ער געהאַט פרנסה בהרחבה גדולה.

אַמאָל האָט דער 'פריץ' פון זיין דאָרף באַשטעלט ביי איהם אַ נייעם קלייד, ווי עס פּאַסט פאַר 'הוד מעלתו' דעם פריץ - אַ קלייד מיט וועלכן ער זאָל זיך קענען באַרימען פאַר זיינע חברים די אַנדערע פריצים. האָט דער שניידער איהם געזאָגט, אַז עס איז ביי מיר אַ 'קלייניגקייט', און איך וועל אַוודאי אַרויסגעבן אַ 'דבר נאה ומתקבל' - אַ קלייד וואָס 'עין לא ראתה'... האָט דער פריץ איהם געגעבן אַ טייערע סחורה, אַז ער זאָל פון די דאָזיגע סחורה אויפנייען זיין אנצוג.

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער שניידער ערשינען ביים פריץ אין פּאַלאַץ, מיט'ן קלייד אין דער האַנט גרייט צום אָנטוהן. ער האָט עס דערלאַנג פאַר'ן פריץ, ער זאָל עס אָנטוהן און זעהן אויב דער אנצוג איז פּאַסיג פאַר זיין מאָס, און עס 'ליגט' גוט אויף איהם. ווען די פריצ'טע האָט געזעהן איר מאַן מיט'ן נייעם קלייד, האָט זי אָנגעהויבן שרייען אַז עס האָט נישט קיין טעם און קיין ריח... איז דער פריץ געוואָרן אויפגערעגט, און ער האָט איהם אַרויסגעוואָרפן פון זיין פּאַלאַץ, נישט וועלנדיג באַצאָלן פאַר דעם שניידער אַפילו אַ פרוטה פאַר זיין אַרבעט. ס'איז אַרויס אַ קול אין שטאָט אַז דער שניידער האָט נישט געקענט צופרידנשטעלן דעם פריץ, און מענטשן האָבן אויפגעהערט צו קומען צו איהם באַשטעלן אַרבעט. אַזוי איז דער שניידער געבליבן ממש אָן פרנסה.

איז ער געפאָרן צו הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פרשיסחא, פאַר אַ ישועה. האָט דער רבי ר' בונם איהם באַפוילן ער זאָל אַהיימפאָרן און נעמען דעם אנצוג וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר'ן פריץ. ער זאָל עס אויפטרענען און צוריק צונייען אַזוי ווי פריער, לויט די זעלבע מאָסן. ער זאָל נישט וואַגן צו טוישן אַפילו אַ האָר פון פריער.

דער שניידער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רבין'ס עצה, און וואָס וועט דאָס העלפן אויב ער וועט זיין אַ 'סותר ובונה במקומו'... אָן אַ ברירה האָט ער אָבער געפאָלגט דעם רבי'ן ר' בונם'ס עצה, און אַזוי געטוהן. דאַן איז ער צוריקגעגאַנגען צום פריץ און געזאָגט אַז ער האָט איבערגעמאַכט דאָס קלייד פונדאָסניי, און נאָכ'ן אָנמעסטן אויף זיך דעם בגד, איז דער פריץ געווען זייער באַאיינדרוקט פון דעם שיינעם אנצוג, און ווי גענוי און פונקטליך עס איז דאָס מאָל געניית געוואָרן... ער האָט איהם באַצאָלט אַ שיינעם סכום, עטליכע גאָלדענע רענדלעך, פאַר דער ערליכער אַרבעט.

שפעטער, איז דער שניידער צוריקגעגאַנגען צום רבי'ן ר' בונם און איהם געפרעגט, 'ילמדנו רבינו', זאָל דער רבי מיר ביטע זאָגן, 'מה נשתנה', דער אנצוג איז דאָך געווען געניית פונקטליך אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל. פאַרוואָס האָט עס אין אָנהייב געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, און יעצט איז עס געפעלן פאַר דעם פריץ?

האָט דער רבי ר' בונם געענטפערט דעם שניידער, באמת, איז דער קלייד געווען שיין אויך ביים ערשטן מאָל, אָן קיין שום חסרון, נאָר וואָס דען, ווען דו האָסט עס אויפגענייט צום ערשטן מאָל, ביזטו געווען 'אָנגעבלאָזן' מיט אַ געפיל פון גאוה, גלייך ווי 'אין כמוך בכל הארץ'... ס'איז נישט דאָ אויף דער גאַנצער וועלט אַזאַ גוטער שניידער ווי איך... און דער אויבערשטער האָט שוין איינגעלידערט אין דער טבע אַז 'לענוים יתן חן', יעדער עניו האָט אַ חן, און פון דער צווייטער זייט, 'מכלל הן, אתה שומע לאו' - די גרויסהאַלטעריי איז אַ פולשטענדיגע סתירה צום חן. און דעריבער איז דאָס קלייד געווען פאַרפיינטעט און פאַרמיאוס'ט 'בעיני אלוקים ואדם'... אבער דאָס צווייטע מאָל, ווען דו האָסט זיך שוין 'געבראָכן', און געהאַט אַ געפיל פון שפלות הרוח, און אַזוי האָסטו אויפגענייט דאָס קלייד, איז דאָך אַ זאַך וואָס ווערט געמאַכט מיט ענווה, האָט חן ביי מענטשן אין די אויגן.

**ב.** דער באַקאַנטער ליובאַוויטשער חסיד און 'משפיע' רבי מענדל פוטערפאַס זצ"ל האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט געשמאַכטעט אין די ביטערע לאַגערן אין דער ווייטער סיביר (פאַר זיין הרבצת היהדות אַרבעט אין רוסלאַנד אונטער דער קאָמוניסטישער הערשאַפט), האָט ער אַמאָל צוגעזעהן אַ מורא'דיגע סצענע: אַ גוי איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ גאָר הויכן באַרג און אַריינגעשטעקט דאָרט אַ אייזערנעם נאָגל. דערנאָך האָט דער גוי צוגעבונדן צום נאָגל אַ לאַנגן שטריק, און פון דאָרט איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ דערנעבנדיגן הויכן באַרג, און אויך דאָרט האָט ער אַריינגעשטעלט ביים שפיץ פונעם באַרג אַ גרויסן אייזענערנעם נאָגל, און ער האָט דאָרט צוגעבונדן דעם צווייטן עק פונעם שטריק.

צווישןביידע בערג, איז געווען אַ טיפער טאָל, און דער גוי האָט געפרעגט די צוקוקער, צי זיי ווילן זעהן ווי ער גייט אויפ'ן שטריק פון איין באַרג צום אַנדערן. האָבן די אָנוועזענדע געענטפערט, מיר זענען נישט אינטערעסירט צו זיין פאַרנומען היינט מיט צונויפקלייבן דיינע ביינער... דער פאַרשוין האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן, און ער איז אַריבערגעגאַנגען צווישן ביידע בערג און געבליבן לעבן 'חי וקיים'... צומאָרגנס האָט דער גוי געמאָלדן, אַז ער וועט היינט ווידעראַמאָל מאַכן די זעלבע 'קונץ', אַריבערצוגיין פון איין באַרג צום אַנדערן מיט דער הילף פונעם שטריק. די מענטשן האָבן זיך אָבער געבעטן ביי איהם אַז ער זאָל נישט איינשטעלן זיין לעבן אַ צווייטן מאָל, ווייל 'לאו בכל יומא מתרחיש ניסא'... ער האָט זיך אָבער נישט וויסנדיג געמאַכט פון די הפצרות און תחנונים אַז ער זאָל נישט איינשטעלן זיין לעבן נאָך אַמאָל, און ער איז ווידעראַמאָל אַרויפגעקראָכן צום שפיץ באַרג, און איז אַריבערגעגאַנגען פון איין באַרג צום אַנדערן מיט דערפאָלג. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער געפרעגט די פאַרזאַמלטע אויב זיי גלייבן אַז ער וועט קענען אַריבערגיין אויפ'ן שטריק אויך אַ דריטן מאָל: האָבן זיי געענטפערט: נישט אַז מיר 'גלייבן', נאָר מיר האָבן דאָך קלאָר געזעהן אַז דו ביזט אַ גוטער 'קונצן מאַכער', און דו וועסט עס זיכער באַווייזן...

דאַן האָט דער גוי ווייטער געפרעגט, צי גלייבט איר אַז איך קען אַריבערגיין אויפ'ן שטריק פון איין באַרג צום אַנדערן מיט אַ וועגעלע אין מיינע הענט? האָבן זיי געענטפערט 'פה אחד': אויב דו ביזט געווען ביכולת אַריבערצוגיין דעם שטריק צווישן ביידע בערג ביז יעצט, וועט דאָס וועגעלע דיר אַוודאי נישט שטערן אַריבערצוגיין נאָך אַמאָל. האָט דער גוי געפרעגט, איז איינער פון אייך גרייט זיך אַריינצוזעצן אינעם וועגעלע וואָס איך וועל אַריבערפירן אויפ'ן שטריק? אויף דעם איז שוין קיינער נישט גרייט געווען, זיך איינצושטעלן דאָס לעבן און זיך אַריינזעצן אינעם וועגעלע וואָס דער גוי וויל דאָ אַריבערפירן פון איין באַרג צום אַנדערן...

עטליכע מינוט שפעטער, האָט מען געזעהן דעם מענטש גיין אויף אַ שטריק מיט אַ וועגעלע, און אינווייניג זיצט אַ יונגעל רואיג, אָן קיין מורא. אַזוי איז ער אַריבערגעגאַנגען פון איין באַרג צום אַנדערן. האָבן מענטשן זיך געוואונדערט: 'מי הוא זה ואיזה הוא' - ווער איז דאָס דאָס קינד וואָס האָט איינגעשטימט זיך אַזוי איינצושטעלן

אבינו שבשמים[ג], אב הרחמים שוכן מרומים, וואָס ער איז דער 'טוב ומטיב לכל'[ד], און אפילו אויב מ'זעהט

---

דאָס לעבן? ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן, האָבן די אָנוועזענער צוקוקער אַרומגענומען דאָס קינד, און איהם 'אויסגעפאָרשט' ווי אַזוי האָט איהם נישט אָנגעכאַפּט אַ מורא און ציטער צו זיצן אינעם וואָגן וואָס האָט געהאָנגען צווישן הימל און ערד? האָט דאָס קינד געענטפערט: דער מענטש וואָס איז געגאַנגען מיט מיר אויפ'ן שטריק, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי מיין טאַטע בכבודו ובעצמו... ווי איינער זאָגט, די גרעסטע 'שלוות הנפש' איז ווען אַ קינד זיצט אין זיין טאַטן'ס וועגעלע, און אויב מיין טאַטע האָט מיך באַפוילן צו זיצן אינעם וואָגן, בין איך געווען זיכער אַז ער טוט בכלל נישט איינשטעלן מיין לעבן.

רבי מענדל פוטערפאַס האָט אויסגעפירט דעם מעשה זאָגנדיג: פון דער דאָזיגער פאַסירונג האָב איך געלערנט, **אַז אַזוי דאַרף זיין די אמונה און בטחון פון אַ איד, אַזוי ווי יענער יונגל וואָס האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין טאַטן, ווילסנדיג אַז אַ 'טאַטע' וועט נישט שעדיגן זיין זון. זיין רחמנות איז שטענדיג אויף זיין קינד צו טוהן גוטס מיט איהם אַלעמאָל. וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס געדענקט דאָס, סיי ווען ער זיצט ביי זיך אינדערהיים מיט הרחבה, און סיי ווען ער געפינט זיך ח"ו אין סיבירער גלות, ווייל ער שפירט זיך שטענדיג ווי ער 'זיצט אין זיין טאַטן'ס וועגעלע', און דער וואָס פירט איהם, איז דער באַשעפער ברוך הוא בכבודו ובעצמו.**

(רבי מענדל האָט אויך דערציילט, אַז ער איז שפּעטער צוגעגאַנגען צו דעם גוי און איהם געפרעגט שטילערהייט, ווי אַזוי ער באַווייזט אַזאַ קונץ, צו קענען אַריבערגיין אַ דינעם שטריק צווישן צוויי אַזעלכע הויכע בערג. האָט דער גוי געענטפערט: 'ווען מ'גייט אַריבער דעם שטריק, איז ניט דאָ קיין וועלט'. ער האָט געמיינט צו זאָגן, אין אַזעלכע מינוטן ווען מ'גייט אַריבער אויפ'ן שטריק, דאַרף מען פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט, און נאָך דעם ווי ער ענדיגט איין טריט, דאַרף ער שוין טראַכטן פון זיין קומענדיגן טריט. ער טאָר אַפילו נישט טראַכטן וויפיל טריט עס זענען איהם נאָך פאַרבליבן צו מאַכן, ווייל דאָס קען גורם זיין ער זאָל זיך אויסגליטשן און אַראָפּטראַסקענען אין טיפן טאָל אַריין.

אויך פון דעם קען מען זיך אַראָפּלערנען אַ גרויסן יסוד אין עבודת ה', אַז דער מענטש מעג און דאַרף טראַכטן, נאָר פון דעם פונקט וואו ער שטייט יעצט, און אויב ער וועט אַזוי טוהן, וועט ער קיינמאָל נישט פאַלן).

אַ רייכער מאַן איז אַוועק פון דער וועלט און האָט איבערגעלאָזט אַ בן יחיד, ווען ער האָט אָנגעזאגט פאַר'ן שטאַרבן אַז ער האָט איהם איבערגעלאָזט אַ גרויסן פאַרמעגן וואָס איז ערגעצוואו באַהאַלטן. נאָך די טעג פון 'שבעה' האָט דער זון אָנגעהויבן זוכן אונטער דער ערד פונעם הויז, באַלאַטע נאָך באַלאַטע, ביז ער האָט באַמערקט אַז איינע פון די באַלאַטעס שטייט קרום אויף אַ מאָדנעם אופן. האָט ער פון דעם פאַרשטאַנען אַז הינטער דעם שטעקט אַ געוויסער 'סוד'... און ער האָט דאָרט געגראָבן אונטער דער באַלאַטע, און ער האָט געטראָפן דעם גרויסן 'אוצר'....

פון דעם פאַרשטייען מיר, אַז ער האָט געפונען דעם 'אוצר' נאָר דערפאַר ווייל ער האָט געקענט זיין טאַטן, און געוואוסט אַז זיין טאַטער וועט נישט מאַכן סתם 'מאָדנע זאַכן', אַז די ערד זאָל אויף איין אָרט זיין העכער ווי אין די אַנדערע ערטער... איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר דאַרפן פאַרשטיין אַזוי ביי די גאַנצע הנהגה פון דעם באַשעפער אויף דער וועלט, אַז **אונזער 'טאַטע' - דער באַשעפער ברוך הוא, טוט נישט קיין מאָדנע זאַכן ח"ו סתם אַזוי, און אַז מ'איז זיך מתבונן דערין, וועט מען געפינען דייקא אונטער דער קרימקייט אַ גאָר גרויסן 'אוצר'...**

**ג.** עס ווערט דערציילט (משבצות זהב', יהושע, ע' י) אַז דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע פלעגט פאָרלערנען ברבים אין שול אַ שיעור גמרא. אַמאָל איז ער אָנגעקומען צו די ווערטער פון חז"ל (ב"ב לו.) אַז אין דער שטאָט נהרדעא אין בבל האָבן זיך געפונען גנבים און דעריבער פלעגן די אייגנטימער פון די שאָף נישט לאָזן זייערע בהמות גיין אַליין כדי זיי זאָלן נישט גע'גנב'עט ווערן, נאָר מ'פלעגט עס איבערגעבן אין די הענט פון א פאַסטוך.

צווישן די אידן וואָס האָבן מיטגעהאַלטן דעם שיעור פונעם 'חפץ חיים' זצ"ל, איז אויך געווען דער שטאָטישער בעדער פון ראַדין, און ער האָט זיך אָנגערופן, אַז לויט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק אין תהלים (צה, ז) 'כי הוא אלוקינו ואנחנו עם מרעיתו וצאן ידו'. דער אויבערשטער היט אידישע קינדער מיט אַ גאָר גוטע שמירה. ער פאַרלאָזט זיי נישט אַפילו אויף אַ סעקונדע, און מיר זענען אַזוי ווי 'צאן ידו' - שאָף וואָס מ'גיט זיי איבער פון איין האַנט צו דער אַנדערער...

נאָך נישט די טובה מיט די פליישיגע אויגן, וועט מען עס בקרוב ממש זעהן ווי עס וועט ווערן איבערגעדרייט די אָפענע רחמים און חסדים[ה], און נישט נאָר דאָס, נאָר די אמונה און דאָס זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען איז ממתיק די דינים[ו], און עס טוט אויפדעקן די טובה[ז], אַז עס זאָל קומען אויפ'ן מענטש אויף אַן אָפענעם אופן[ח]. (זעה 'ברית אברם', פון זאלאזיצער מגיד זי"ע, פרשתינו)

---

פאַר דעם 'חפץ חיים' איז זייער געפעלן דאָס וואָרט פון דעם בעדער, און ער האָט עס מערערע מאָל איבערגעזאָגט.

**ד.** די גמרא זאגט (שבת לא.) אויפ'ן פסוק 'והיה אמונת עתך חוסן ישועות חכמת ודעת' (ישעי' לג, ו), 'אמונת, זה סדר זרעים. ישועות, זה סדר נזיקין'. האָבן מיר געהערט פון אַ גאון און צדיק, אַ וואונדערליכן רמז, חז"ל ווילן אונז מרמז זיין, **אַז אויב אַ מענטש מאַכט-מיט 'סדר נזיקין' רח"ל, זאָל ער וויסן אַז באמת איז עס אַ סדר פון 'ישועות'... 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', און ס'איז באַהאַלטן אין דעם גרויסע און וואונדערליכע ישועות.**

**ה.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט, וועגן דעם באַדייט פון אַ 'העכערער איד'. למשל, אַ מענטש שטייט נעבן אַ וואַנט. ער זעהט פאַר זיך נאָר די וואַנט. אָבער אויב ער איז הויך געוואַקסן, קען ער זעהן העכער די וואַנט אַלעס וואָס קומט פאָר אויף דער אַנדערער זייט פון דער וואַנט. דאָס זעלבע איז לגבי דעם ענין פון בטחון. עס פאַסירט אַמאָל אַז די גאַנצע וועלט זעהט אויס ביי דעם מענטש אין די אויגן, אַזוי ווי אַ 'וואַנט'. די וועלט איז איהם ממש פינצטער ח"ו. אָבער אויב ער איז אַ 'העכערער איד' - אַ אמת'ע בעל בטחון, איז ער אַזוי ווי יענער הויכער מענטש וואָס קען זעהן אויך פון דער צווייטער זייט פון דער וואַנט. ער זעהט אַז אַלעס איז פאַר זיין טובה - און נישט נאָר די פינצטערניש וואָס מ'זעהט פון דער זייט וואַנט.

**ו.** הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע שרייבט אין אַ בריוו (מכתבי קודש, מכתב מא) אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"ג רטו:) אַז ווען פינחס האָט מקנא געווען קנאת ה' צבאות, זענען נתעבר געוואָרן אין איהם די נשמות פון נדב און אביהוא. עס איז באַקאַנט אַז 'פינחס זה אליהו', וואָס אליהו לעבט אייביג. קומט אויס, אַז נאָך דעם ווי נדב און אביהוא זענען נסתלק געוואָרן האָבן זייערע נשמות ווייטער גערוהט אויף דער וועלט. און נישט נאָר דאָס, נאָר זיי לעבן אייביג.

שרייבט דער 'יסוד העבודה', **אַז אהרן הכהן האָט זוכה געווען מ'זאָל איהם צוריקגעבן זיינע קינדער זיי זאָלן לעבן אייביג** (אין 'פינחס זה אליהו'), **וויבאַלד ער האָט אָנגענומען דעם אויבערשטען'ס משפט - די הסתלקות פון זיינע קינדער - מיט ליבשאַפט**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא י, ג) 'וידום אהרן' - אהרן האָט געשוויגן. דער וואָס נעמט אָן מיט אמונה אַלעס וואָס ער מאַכט מיט אויף דער וועלט, איז זוכה צו זעהן די גוט'ס פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, פינף הונדערט מאָל מער.

**ז.** 150 יאָר צוריק, איז אין ירושלים אויפגעקומען אַ שאלה מיט אַ הינדל וואָס זיין קאָפּ איז אינדרויסן געווען פול מיט כינים. דער אייגנטימער פונעם הינדל איז אַרומגעגאַנגען צו עטליכע מורי הוראה אין ירושלים פרעגן איבער דעם עוף, צי עס איז טריפה אָדער נישט. און כאָטש אַלע מורי הוראה האָבן נוטה געווען להיתרא, אַז דער עוף איז כשר, איז דער איד נאָך אַלץ געווען מסופק דערין. ער איז אַריבערגעגאַנגען מיט'ן עוף צו דעם גאון רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל אב"ד בריסק וירושלים. האָט רבי יהושע לייב געהייסן מ'זאָל עפענען דעם קאָפּ, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער גאַנצער מח פונעם עוף איז געווען פאַרפוילט פון אינעווייניג, און ס'איז זיכער טריפה.

דערנאָך האָט רבי יהושע לייב געזאָגט, אַז דאָס איז נישט געווען אַ רוח הקודש, נאָר באמת האָט יעדער עוף אַסאַך כינים אין קאָפּ, אָבער אַן עוף שאָקלט דעם קאָפּ דאָ און דאָרט, און אַזוי פאַלן אַרויס די כינים. 'ווען איך האָב געזעהן אַז דאָס הינדל איז פול מיט כינים, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ס'איז דאָ אַ חסרון אין איר מח, וואָס צוליב דעם רירט זי נישט איר קאָפּ. ממילא, האָט דאָס הינדל נישט אָפּגעשאָקלט פון זיך די כינים. צוליב דעם האָב איך באַפוילן צו עפענען דעם קאָפּ, און מ'האָט געזעהן אַז ס'איז טאַקע טריפה...

דער לימוד פון די מעשה איז, **יעדער מענטש האָט אין זיין קאָפּ פאַרשידענע 'כינים'. דאָס זענען די דמיונות און איינרעדענישן, אַז ער טוט, און יענער טוט... א.ד.ג. ער דאַרף נישט מער ווי 'אָפּשאָקלען' זיין קאָפּ פון די 'כינים' - די נאַרישע געדאַנקען, דורך קונה זיין אמת'ע אמונה**, און אויב ער וועט נישט כסדר 'אָפּשאָקלען' זיין קאָפּ, וועט ער חלילה פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ 'טריפה'...

**ח.** דער פסוק זאָגט (תהלים צא, יא-יב) 'כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך, על כפים ישאונך פן תגוף באבן רגלך'. איז לכאורה שווער, אויב דער אויבערשטער שיקט פאַר דעם מענטש מלאכים איהם צו היטן אויפ'ן וועג,

**דאָס** דאַרפן מיר געדענקען ספּעציעל יעצט, ווען עס הייבן זיך אָן די טעג פון 'בין המצרים', ווען אידישע קינדער טרויערן אויפ'ן חורבן בית מקדשינו ותפארתינו, וואָס כאָטש דאָס איז די גרעסטע צרה וואָס האָט פּאַסירט מיט אידישע קינדער, און האָט גורם געווען דעם ביטערן גלות, זאָגן דאָך שוין אָבער חז"ל (איכ"ר פ"ד, יד) אַז דער חורבן בית המקדש איז בעצם געווען אַ גרויסע טובה פאַר די הצלה פון כלל ישראל, ווייל מיט'ן חרוב מאַכן דעם בית המקדש האָט דער אויבערשטער אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף די העלצער און שטיינער און נישט חלילה אויף זיין באַליבטן אידישן פאָלק[ט].

**לויט** דעם, זאָגט דער 'אמרי נועם' (פ' מסעי, ד"ה 'ויצא'), אַז רמז אין דעם וואָס דער אריה"ק זי"ע שרייבט אַז די חדשים תמוז און אב זענען אַנטקעגן די 'אויגן'. זאָגט דער 'אמרי נועם', אַז דאָס לערנעט אונז, אַז די 'אויגן' פון די השגחה עליונה כביכול האָבן זיך נישט אָפּגעטוהן פון אָפּהיטן אונז אויך אין די טעג פון תמוז און אב, ווען דער בית המקדש איז ליידער חרוב געוואָרן, ווייל דער מקור פון דעם חורבן בית המקדש איז געווען פול מיט רחמים, נאָר ס'איז געווען באַהאַלטן, און עס איז נישט אָפען אַנטפּלעקט פאַר אַלעמענס אויגן.

**אַזוי** האָט אויך געזאָגט הרה"ק רבי יצחק'ל נעשכיזער זי"ע (געברענגט אין ספר 'תולדות יצחק'), אַז אין די טעג פון 'בין המצרים', איז דאָ אַ התגלות פון חסדים 'למאוד נעלה', ווייל עס איז באַקאַנט אַז דאָס אַלעס איז געווען פאַר די טובה פון אידישע קינדער, דורך דעם וואָס 'שפך חמתו על העצים והאבנים' און ער האָט נישט געמאַכט אַ כליה ח"ו אין די אידן, און דאָס האָט פּאַסירט ווייל עס איז נתעורר געוואָרן צו אידישע קינדער אַ גרויסע ליבשאַפט אין די עולמיות העליונים, און דאָס

---

פאַרוואָס דאַרפן זיי איהם טראָגן אויף זייערע הענט אַז זיינע פיס זאָלן זיך נישט אָנשטויסן אין אַ שטיין? עס וואָלט דאָך געווען אַסאַך בעסער אויב די מלאכים וואָלטן אינגאַנצן אַוועקגענומען די שטיינער?

האָבן מיר געהערט פון איינע פון די גדולי הדור שליט"א, צומאָל איז עס פון די וואונדער פון די השגחה העליונה, מיט אַ ספּעציעלע סיבה, אַז יענער 'שטיין' זאָל בלייבן אויף זיין אָרט. וואָס טוט דער אויבערשטער? ער שיקט זיינע מלאכים אויפצוהייבן דעם מענטש ער זאָל נישט האָבן עגמת נפש פון יענעם 'שטיין' וואָס ליגט אויפ'ן וועג. צום ביישפּיל, אויב ס'איז צוליב וועלכע סיבה נגזר געוואָרן אויפ'ן מענטש צו האָבן אַ געלט שאָדן פון 1,000 דאָלאַר, איז דער אויבערשטער משפּיע אויף איהם טויזענט מאָל אַזוי פיל - אַ מיליאָן דאָלאַר - און דאַן וועט ער אינגאַנצן נישט פילן אַז עס פעלט איהם אַ טויזנטער, ווייל וואָס איז דען 1,000 דאָלאַר אַנטקעגן אַ מיליאָן דאָלאַר. דאָס זעלבע בנוגע אַלע תהלוכות החיים פונעם מענטש.

דאָס אַלעס איז אָבער נאָר מיט'ן תנאי אויב דער מענטש ווייסט, 'כי אתה ה' מחסי' (תהלים שם, פסוק ט), ווי רש"י טייטשט, 'כי אתה אמרת ה' מחסי'. **דער מענטש דאַרף זאָגן אַז דער אויבערשטער איז זיין באַשיצער.** און רש"י פירט אויס, 'והרי זה מקרא קצר'. [עס 'פעלט' אין דעם פסוק אַז דער מענטש זאָגט די ווערטער 'כי אתה ה' מחסי'].

מ'קען צוגעבן בדרך צחות, דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט צופיל פונעם מענטש, נאָר אַ 'מקרא קצר' - ער זאָל זאָגן 'כי אתה ה' מחסי' - נישט מער. דאַן וועט דער אויבערשטער איהם באַלד העלפן און איהם אָפּהיטן פון אַלעם בייזן, ווי עס שטייט דאָרט באריכות אין די פסוקים.

**ט.** דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט: מיין טאַטע (הרה"ק רבי שלום שכנא פון פּראָבישט זי"ע) האָט געזאָגט, אַז אין די דריי וואָכן טוט ער אויסגעפינען וועגן די ימים טובים, און איך זאָג, אַז די דריי וואָכן זענען אַזוי ווי טייערע שטיינער וואָס וואַקסן אונטער די 'הרי חושך', וואָס כאָטש די בערג זענען פינצטער, איז דאָ אין זיין אַ בחינה פון לעכטיגקייט. ווען משיח צדקינו וועט קומען, און די לבנה וועט שיינען אַזוי ווי די זון, וועלן די דריי וואָכן זיין ימים טובים, ווייל די דריי וואָכן זענען אַנטקעגן די דריי ימים טובים.

דער רוזינער האָט אויסגעפירט: דער אויבערשטער ווייסט דאָך דעם אמת, אַז אין מיינע יונגע יאָרן, ווען איך האָב געהאַט כח, האָב איך יעדן טאָג אין די דריי וואָכן געשפּירט אַ נייעם אור. און דער אמת איז, אַז דאָס וואָס חז"ל האָבן געזאָגט (ברכות ס:) **'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', איז די כוונה אויף די דריי וואָכן.** כאָטש זיי זענען אַ בחינה פון אַ ירידה פאַר אידן, איז עס אָבער געווען לטובה.

זעלבע קומט פאַר יעדעס יאָר, ווען עס קומען די טעג פון 'בין המצרים', ווערט נתעורר אַ גרויסע ליבשאַפט אויף אונז, און עס שטאַרקט זיך דער חסד פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און 'רחמים גדולים עלינו ועל כל ישראל'.

### כי צוררים הם לכם - פיינט האָבן דעם יצר הרע

מיר לייענען אין דער היינטיגער פרשה (כו, טו) 'לצפון משפחת הצפוני'. טייטשט דער זאָלאָזיצער מגיד זי"ע, אין ספה"ק 'ברית אברם', על דרך רמז, עס איז דאָ אַ 'מסורה', צוויי מאָל שטייט דאָס וואָרט 'הצפוני'.

א. לצפון משפחת 'הצפוני'. ב. ואת 'הצפוני' ארחיק מעליכם (יואל ב, כ).

**זאָגט** דער 'ברית אברם', די גמרא זאָגט (סוכה נב.) אַז דער פסוק 'ואת הצפוני ארחיק מעליכם', גייט אַרויף אויף דעם יצר הרע, וואָס ער איז באַהאַלטן' אין האַרץ פון דעם מענטש. ממילא קען מען דרש'ענען אויך דעם פסוק 'לצפון משפחת הצפוני', אַז דער פסוק רעדט וועגן דעם יצר הרע. דער פסוק קומט אָנזאָגן דעם מענטש ער זאָל שטיין וואָס ווייטער פון שלעכטס, און אַנטלויפן פון אַן עבירה, ווייל דער מענטש וואָס

---

י. די ספרים הקדושים זאָגן אַ טעם פאַרוואָס דער יצר הרע ווערט אָנגערופן 'צפוני', ווייל דער עיקר כח פונעם יצר הרע איז ווען ער 'באַהאַלט' זיך. ער פרובירט איינרעדן דעם מענטש אַז ער איז זיין 'גוטער פריינט', און אַז זיין גאַנצער ציל איז נאָר איהם גורם צו זיין גליקליכקייט און פאַרגעניגן. ער פאַרנאַרט איהם צו זאָגן אויף אַ שלעכטע זאַך אַז ס'איז גוט, און אויף גוט, אַז ס'איז שלעכט. באמת האָט דער מענטש אָבער נישט אַ גרעסערן שונא ווי ער...

עס פאָדערט זיך טאַקע אַ שטאַרקע זהירות זיך צו ראַטעווען פון דעם 'צפוני', אַזוי ווי די ספרים שרייבן אויפ'ן פסוק (תהלים יז, ח) 'שמרני כאישון בת עין'. ס'איז דער סדר, אַז ווען אַ מענטש וויל אַרויסווייזן נאָנטקייט, אַזוי ווי אַ טאַטע צו זיין קינד, א.ד.ג., וועט ער איהם אַרומנעמען מיט זיין קערפּער. ער וועט עס אָבער נאָר טוהן אויף אַלע אַנדערע חלקים פונעם גוף. ער וועט קיינמאָל נישט אַריינשטעקן זיין האַנט אין דעם אויג פון זיין קינד, ווייל אינעם אויג, קען דאָס צורירן אָנמאַכן אַ חורב ח"ו. עס וועט גורם זיין ווייטאָגן און יסורים רח"ל.

דאָס זעלבע בעטן מיר פון דעם אויבערשטען, היט מיך אָפּ פונעם יצר הרע, איך זאָל שפּירן ביי יעדע נגיעה און נאָנטקייט פון זיין זייט, גלייך אַזוי ווי ער וואָלט צוגערירט ממש אין מיין שוואַרצאַפּעל פון אויג...

הרה"ק בעל 'פני מנחם' מ'גער זצ"ל, האָט געזאָגט אַ משל: אַ קליין מייזל וואָס וואַקסט צוביסלעך, און הייבט אָן שטעלן זיינע ערשטע טריט אויף דער וועלט. ער האָט געוואָלט גיין כאַפּן אַ שפּאַציר, האָט זיין מאַמע איהם געזאָגט, יאָ, דו קענסט גיין שפּאַצירן, אָבער געדענק, היט זיך פון אונזער גרויסן שונא, וואָס וויל אונז איינשלינגען לעבעדיגערהייט. האָט דאָס מייזל זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג, אָבער ער איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ בהלה, דערציילנדיג פאַר זיין מוטער אַז ער האָט געזעהן אַ 'מאָדנע באַשעפעניש', וואָס האָט אויף איהם אָנגעוואָרפן אַ גרויסן פחד. ווען זיין מאַמע האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי דער באַשעפעניש האָט אויסגעזעהן, האָט דאָס מייזל געענטפערט, 'איך האָב געזעהן אַ 'בעל חי' גיין אויף צוויי פיס'... האָט זיין מאַמע איהם געזאָגט, דער דאָזיגער 'בעל חי', איז אַ מענטש. פון איהם האָסטו נישט אַזוי וואָס מורא צו האָבן, ווייל כאָטש ער האָט אונז נישט ליב, האָט ער אונז אָבער אויך נישט איבעריג פיינט... ער איז פאַרנומען און האָט נישט קיין צייט אונז נאָכצולויפן...

איז דאָס מייזל געגאַנגען ווידעראַמאָל אויף דער גאַס, און אויך דאָס מאָל איז ער צוריקגעקומען צו לויפן אַהיים, און האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיין מוטער די געשטאַלט פון אַן אַנדערן 'בעל חי'. האָט זיין מוטער איהם געזאָגט: דאָס איז דער לייב, דער קעניג פון די חיות, אָבער אויך ער פאַרלייגט זיך נישט דווקא אויף די מייז... די זעלבע זאַך האָט זיך איבערגע'חזר'ט מיט'ן לעמפּערט, מיט'ן וואָלף, און אַנדערע סאָרטן פאַרציקענדע און אָפּשרעקנע חיות...

אַ צייט שפּעטער איז דאָס קליינע מייזל צוריקגעקומען, און דערציילט פאַר זיין מאַמע מיט גרויס פרייד, אַז אָט האָט ער געטראָפן אַ 'גוטן פריינט', וואָס האָט געוואָלט שפּילן מיט איהם. האָט זי איהם געפרעגט, ווער איז דאָס דיין גרויסער 'ידיד'... האָט דאָס מייזל געשילדערט פאַר זיין מאַמע אַ נידעריגע חיה וואָס ער האָט באַגעגנט. זי טראָגט אויף איר האַלדז אַ 'פוטער', און 'כולו אומר כבוד'... איז די מאַמע דערציטערט געוואָרן, און זי האָט איהם

פאָלגט דעם יצר הרע, איז אין אַ סכנה אַריינצופאַלן אין זיין נעץ און נאָך מער זינדיגן ח"ו, אַזוי ווי חז"ל

געזאָגט: אוי, דאָס איז דאָך נישט קיין אַנדערע ווי די קאַץ... פון איר זאָלסטו אַנטלויפן, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון אַ פייער... זי איז אינגאַנצן נישט דיין ידיד, נאָר דאָס איז דער גרעסטער שונא פון די מייז אויף דער וועלט... און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים י, י) 'ידכה ישוח ונפל בעצומיו חיל כאים'. דער יצר הרע זעהט אויס ווי אַ נידעריגער ('נדכה') וואָס גייט איינגעבויגן ('ישוח'), אָבער ער האָט שוין אַריינגענאַרט אין זיין פינצטערע נעץ אַסאַך מענטשן...

**יא.** דאָס איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן כלפי דעם 'פורץ גדר' רח"ל, וואָס ער איז אין אַ גרעסערע געפאַר צו פאַלן פון אַלע גדרים און סייגים, ביז ער וועט אַריינפאַלן אין שאול תחתיות רח"ל. ער זאָל נישט זאָגן, איך וויל אויפרייסן נאָר איין גדר, נישט מער... ווייל 'לצפון משפחת הצפוני'... נאָך דעם ווי ער איז שוין אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט ל"ע, הייסט ער איהם טוהן אַזוי, און מאָרגן וועט ער איהם הייסן ער זאָל טוהן אַזוי, וכו'...

על דרך משל, אַ מענטש שטייט אויף אַ הויכן בנין פון 100 שטאָק. ער איז צוגעקומען צום ברעג פונעם דאַך, און ער האָט שוין אָנגעהויבן אַרויפקריכן אויף די צוים, מיט'ן ציל אַראָפּצושפּרינגען ח"ו. האָבן זיינע ידידים איהם אָנגעכאַפּט און געזאָגט: 'צי ביזטו אַראָפּ פון זינען, אַז דו ווילסט מאַכן אַ סוף צו דיין לעבן?...'. האָט ער זיי געענטפערט: 'ווי אַזוי קענט איר מיך חושד זיין אין אַזאַ זאַך... איך וויל נאָר שפּרינגען איין שטאָק, נישט מער... איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַז עמיצער איז געשטאָרבן פון שפּרינגען בלויז איין שטאָק...'. האָבן זיי איהם געזאָגט, 'נאַר איינער! ס'איז נישט מעגליך אַראָפּצושפּרינגען פון אַ דאַך נאָר איין שטאָק. אין דער מינוט וואָס דו גייסט אַרויס פון דער גרעניץ פונעם דאַך, וועסטו צום סוף 'לאַנדן' אויף דער ערד, אַזוי ווי אַ 'שעיר לעזאזל'...

דער נמשל איז, די מענטשן וואָס זענען 'קלוג', אין זייערע אייגענע אויגן. יאָ, מיר ווילן בלייבן אין דער מחנה פון יראים ושלימים און פון די חרדים לדבר ה'. מיר ווילן נאָר עפּענען נישט מער ווי איין גרעניץ... ליידער זענען אַסאַך מענטשן שוין אַריינגעפאַלן דורך דער נאַרישער מחשבה וואָס קומט פון דעם יצר. מיר, היינט אין אונזער דור, דאַרפן אפילו נישט מסביר זיין פון וואָס מ'רעדט דאָ...

די משנה זאָגט (תענית פ"ד מ"ו) אַז פינף זאַכן האָבן פּאַסירט מיט אונזערע עלטערן אין דעם טאָג פון שבעה עשר בתמוז. די לוחות זענען צובראָכן געוואָרן, דער קרבן תמיד איז בטל געוואָרן, ירושלים איז געוואָרן געשפּאָלטן. אפוסטמוס האָט פאַרברענט די תורה און אַריינגעשטעלט אַ צלם אינעם היכל. פרעגט די גמרא (תענית כח:) ירושלים איז דען געשפּאָלטן געוואָרן אין שבעה עשר בתמוז? עס איז דאָך געשפּאָלטן געוואָרן אינעם ניינטן טאָג פון חודש תמוז, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ירמי' נב, ו) 'בחודש הרביעי בתשעה לחודש ויחזק הרעב בעיר', און אַ פסוק ווייטער (פסוק ז) שטייט, 'ותבקע העיר'. ענטפערט רבא, אַז ביי דעם ערשטן בית המקדש איז די שטאָט ירושלים געשפּאָלטן געוואָרן אין ניינטן טאָג פון חודש תמוז, און אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, איז די שטאָט געשפּאָלטן געוואָרן שבעה עשר בתמוז.

תוספות (ר"ה יח: ד"ה 'זה') ברענגט אָבער אין נאָמען פון ירושלמי, אַז אויך אין צייט פון ערשטן בית המקדש איז ירושלים געשפּאָלטן געוואָרן שבעה עשר בתמוז, און כאָטש דער פסוק זאָגט 'בתשעה לחודש', איז עס געווען אַ 'קלקול חשבונות'. מ'האָט זיך 'פאַרעכענט'. און תוספות זאָגט, אַז צוליב זייערע טירדות האָבן זיי געהאַט אַ טעות מיט'ן חשבון, און דער פסוק האָט נישט געוואָלט שרייבן אַנדערש ווי זיי האָבן געמיינט. [לכאורה איז עס אַ גרויסער וואונדער, אַז עס שטייט אין די כתבי הקודש אַ זאַך וואָס איז נישט ריכטיג. נאָר די ספרים זאָגן, אַז דער נביא האָט געוואָלט לאָזן וויסן די גרויסע חביבות פון אידישע קינדער ביי דעם אויבערשטען, ווי ווייט דער באַשעפער טוט מיטפילן מיט זייער צרה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צא, טו) 'עמו אנכי בצרה'. אויף אַזוי ווייט, אַז כביכול, אַפילו אין הימל, איז דאָ אַ צער יענעם טאָג].

מיר געפינען טאַקע אין דער גמרא (ר"ה יח:) אַז די 70 יאָר פון גלות בבל נאָך דעם חורבן פון ערשטן בית המקדש (ביז דער צווייטער בית הקמדש איז אויפגעבויט געוואָרן), האָבן אידן געפאַסט אין ניינטן טאָג פון חודש תמוז, ווי די גמרא זאָגט דאָרט, 'צום הרביעי, זה **תשעה** בתמוז, שבו הובקעה העיר'.

איז שווער, כאָטש די שטאָט איז געשפּאָלטן געוואָרן אין ניינטן טאָג פון חודש תמוז, אָבער אינעם זיבעצענטן טאָג האָבן דאָך פּאַסירט פיר זאַכן: די לוחות זענען צובראָכן געוואָרן, דער קרבן תמיד איז בטל געוואָרן, די תורה איז פאַרברענט געוואָרן און מ'האָט אַריינגעשטעלט אַ צלם אין היכל. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען באַשטימט

דעם תענית אויפ'ן נייטן טאָג פון חודש תמוז, וואָס עס האָט פּאַסירט נאָר איין צרה, און נישט שבעה עשר בתמוז, ווען עס האָבן פּאַסירט פיר צרות?

נאָר פון דאָ לערנען מיר, אַז **דאָס וואָס די ירושלים איז 'געשפּאָלטן געוואָרן', איז די גרעסטע צרה פון אַלע צרות. עס האָט אָנגעהויבן און גורם געווען דעם חורבן, און אויף דעם וויינען מיר ביז'ן היינטיגן טאָג.**

על הכלל כולו יצא, אַז דאָס 'אויפברעכן די מויערן' און די גדרים, איז דער אָנהייב פונעם חורבן, און די 'צרה' וואָס אויף דעם דאַרף מען פאַסטן און טרויערן...

אַזוי האָט פּאַסירט ביי דעם חורבן בית המקדש, ווי חז"ל (גיטין נו:) דערציילן, אַז טיטוס הרשע איז אַריינגעקומען אין בית המקדש און ער האָט עס פאַרשוועכט מיט אַ שרעקליכן בזיון. ער האָט גענומען אַ שווערד, און האָט געשטאָכן דעם פּרוכת, וואָס טיילט אָפּ צווישן דעם היכל און דעם קודש הקדשים... ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער גענומען דעם פּרוכת, און עס געמאַכט אַזוי ווי אַ גרויסער קאָרב, און האָט אַריינגעלייגט אין דעם אַלע כלים פונעם בית המקדש, און עס אַרויפגעלייגט אויף אַ שיף, עס אַהיימצוטראָגן און זיך דאָרט באַרימען דערמיט.

דאָס איז דער חורבן פון דער וועלט, פון אָנהייב ביז'ן סוף. **ווען מ'קומט טשעפּען מיט די מחיצות און פּרוכת'ן וואָס טוהען אָפּטיילן, איז דאָס גורם דעם חורבן הבית והנפש רח"ל.**

אַזוי געפינען מיר אויך ביי די יוונים, ווי מיר זינגען ביי די חנוכה לעכט (מעוז צור'), 'יוונים נקבצו עלי וכו', ופרצו חומות מגדלי'. איז שווער, די יוונים האָבן דאָך אָפּגעטוהן פיל מער רשעות'דיגע זאַכן, ווי דאָס אויפרייסן די טורעמס. זיי האָבן אַרויסגעגעבן שווערע גזירות אויסצורוידן אידישקייט ח"ו. זיי זענען אַריינגעגאַנגען טמא'נערהייט אין בית המקדש, און דאָרט פאַרשוועכט די שטיינער פונעם מזבח. זיי האָבן אויך געטוהן אַנדערע שרעקליכע פאַרברעכנס. נאָר פון דעם זעהען מיר, אַז **דער עיקר פונעם 'חורבן' איז געווען, 'ופרצו חומות מגדלי', ווייל אויב מ'טוט אויפרייסן די גדרים און די מויערן, האָט מען מער נישט קיין אָפּהאַלט. מ'קען אָנקומען צום נידעריגסטן שטאַפּל רח"ל.**

מיט דעם טייטשן די ספרים, דעם פּסוק (איכה א, ט) 'טומאתה בשוליה', על דרך משל, אַ מענטש האָט געזעהן ווי זיין חבר טוט זיך איינהילן אין אַ שיינעם טלית, און עס האָט זיך איהם פאַרגליסט אויך צו באַקומען אַזאַ טלית. האָט ער געפרעגט זיין חבר וואו ער האָט געקויפט אַזאַ שיינעם טלית, און דער חבר האָט איהם געענטפערט וואו ער האָט עס געקויפט. האָט ער געבעטן דעם מוכר ער זאָל איהם אויך פאַרקויפן אַ טלית, און אַזוי איז געווען. ער האָט איהם אָבער אָנגעזאָגט אַז ער מוז צונייען דעם טלית פון אונטן, כדי די פעדימער פונעם טלית זאָלן זיך נישט עפענען. ער האָט אָבער נישט געפאָלגט דעם מוכר, און ביז אַ קורצע צייט איז דער טלית געוואָרן אויפגעטרענט, און ס'איז געבליבן פון איהם נאָר פעדימער מיט פעדימער...

אַן אויפגערעגטער, איז דער קונה געקומען צו לויפן צו דעם מוכר, און איהם געפרעגט 'ולמה רמיתני'... איך האָב דיר באַצאָלט 'כסף מלא' פאַר אַ שיינעם טלית, און דו האָסט מיר פאַרקויפט 'זיבורית דזיבורית'... האָט דער מוכר איהם געענטפערט, דער טלית איז פון בעסטן סאָרט. נאָר וואָס קען איך טוהן, אַז דו האָסט זיך 'איבערגעקליגט', און דו האָסט נישט געפאָלגט מיין עצה צוצונייען דעם טלית פון אונטן...

דאָס איז די כוונה פון פּסוק, 'טומאתה בשוליה'. וויבאַלד מ'האָט זיך נישט געהיטן ביי די 'שולים' - מ'האָט נישט אַוועקגעשטעלט צוימען און מויערן זיך צו היטן מיט אַ שמירה מעולה, האָט דער יצר הרע געקענט אַריינקומען און מאַכן זינדיגן אידישע קינדער, ביז זיי זענען אינגאַנצן געפאַלן רח"ל.

פונקט ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן לגבן דעם בית המקדש אין ירושלים, איז דאָס גילטיג אויך פאַר דעם פּרטיות'דיגן 'בית המקדש' פון יעדן איד - די אידישע היים, וואו די הייליגע שכינה וויל רוהען. אויב מ'רייסט אויף די גדרים און סייגים, מאַכט מען חרוב ח"ו דאָס 'הויז'. און מ'דאַרף וויסן, אַז **מ'קען נישט אויפציהען ערליכע קינדער נאמנים לה' ולתורתו, נאָר אויב דאָס הויז איז אָפּגעהיטן מיט גדרים און סייגים. נאָר דעמאָלס רוהט דאָרט די הייליגע שכינה. אָבער אויב מ'נעמט אַריין אין הויז די טמא'נע 'כלים' רח"ל, זאָגט אויף דעם דער פּסוק 'ושב מאחריך' ח"ו. מ'זאָל עס נישט האַלטן לייכט, מיט אַ היתר און אַ תירוץ אַז עס איז 'לצורך פרנסה', ווייל מ'טוט זיך 'שפּילן' חלילה מיט די נשמות פון די אייגענע קינדער. דער 'תיקון' און בנין פון דעם פּרטיות'דיגן בית המקדש, איז דורך מוסיף זיין אין די גדרים פון קדושה.**

אַזוי האָט איינע פון די צדיקי הדור שליט"א געזאָגט אַ רמז אין פּסוק (תהלים קמז, יג) 'כי חזק בריחי שעריך ברך בניך בקרבך'. ווען דער מענטש באַפעסטיגט די 'ריגלען' פון זיינע טויערן. ער פאַרמאַכט די טירן פון זיין הויז, אַז

זאָגן (אבות פ"ה, מ"ב) 'עבירה גוררת עבירה', און דער סוף וועט זיין אַז עס וועט ביי איהם מקוים ווערן אויך 'משפחת הצפוני' רח"ל[יב].

**וואָס** איז די עצה פאַר דעם מענטש צו טוהן? ער זאָל איינוואָרצלען ביי זיך אין האַרץ געפילן פון שנאה צו דעם יצר הרע. ער זאָל פאַרעקלען אין זיינע אויגן

---

עס זאָלן נישט אַריינקומען דאָרט די שלעכטע ווינטן וואָס בושעווען אויף דער וועלט, איז ער זוכה צו 'ברך בניך בקרבך' - זיינע קינדער וועלן ווערן געבענטשט פון דעם אויבערשטען.

**יב.** אַזוי טייטשט הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע דעם פסוק 'ליצר משפחת היצרי, לשלם משפחת השלמי' (כו, מו). דער פסוק איז מרמז על דרך העבודה. 'ליצר' - **דער מענטש וואָס וויל פאָלגן זיין יצר הרע ח"ו, עפענט מען איהם פון הימל, און מ'שטעלט צו פאַר איהם אַ הילף** 'משפחת היצרי' - **אַז ער זאָל קענען טוהן וואָס זיין האַרץ גליסט.** פון דער אַנדערער זייט, 'לשלם' - **דער מענטש וואָס וויל זיך משלים זיין מיט די שלימות פון עבודת ה'.** 'משפחת השלמי' - **וועט מען איהם העלפן פון הימל מיט אַסאַך 'משפחות', אַז ער זאָל באמת דערגרייכן שלימות.** (געברענגט אין ספה"ק 'אגרא דכלה', אין דער היינטיגער סדרה)

כ"ק אדמו"ר מקאָסוב זצ"ל - וועלכער איז נסתלק געוואָרן סוף חודש סיון, לדאבון כל בית ישראל - האָט דערציילט אין זיין הספד אויף זיין זיידן, הגאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל, אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט דעם זיידן פאַרוואָס ער פאָרט נישט פון צייט צו צייט מתפלל זיין ביי די מקומות הקדושים. האָט הרב וואָזנער זצ"ל איהם געענטפערט:

- **ווער קען נעמען אויף זיך די אחריות אַז ער קען היטן זיינע אויגן ווי ס'דארף צו זיין?! איין מכשול וואָס דער מענטש זעהט מיט זיינע אויגן, קען צוריקקומען צו איהם נאָך זיבעציג יאָר, אינמיטן נעילה אין יום הקדוש...**

די דאָזיגע ווערטער האָט הרב וואָזנער זצ"ל געזאָגט צו זיין געהויבענעם אייניקל דעם קאָסובער רבי'ן זצ"ל, ווען ער (הרב וואָזנער) איז שוין געווען העכער די נייציג יאָר...

לעצטענס איז אין בני ברק נפטר געוואָרן הרה"ח רבי משה יעקב ראָטטער ז"ל, אַ געהויבענער חסיד'ישער איד, זייענדיג אַ זקן ושבע ימים, אין עלטער פון 98 יאָר. די אידן וואָס פלעגן איהם פירן מיט'ן 'רעדל-שטול' ('ווילטשעיר') פון זיין הויז אויף רחוב ישמח משה אין בני ברק, צום קאַלאַשיצער בית המדרש אויף רחוב רבי סעדי' גאון, האָבן עדות געזאָגט, אַז יעדעס מאָל איידער ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער היים, האָט ער אַריינגעלייגט אַ פרוטה אין די צדקה-פושקע, אַז ער זאָל נישט נכשל ווערן מיט אַ ראי' אסורה ח"ו, און ווען ער איז פאַרביי געגאַנגען מיט'ן 'ווילטשעיר' אויף רחוב חזון איש, אויפ'ן וועג צום קאַלאַשיץ שטיבל, האָט ער געהאַלטן די האַנט אויף זיינע אויגן כדי זיי אָפצוהיטן מיט אַ שמירה מעולה. דאָס אַלעס, זייענדיג שוין 98 יאָר אַלט...

אויך האָט ער געשריבן אין זיין צוואה צו זיינע קינדער, אַז ווען זיי וועלן אַרויפגיין צו זיין קבר -ביים סוף פון די שבעה, און צו די שלושים, און שפעטער אין טאָג פון זיין יאָרצייט - יעדער וואָס ווייסט ביי זיך אַז ער וועט זיך נישט קענען ריכטיג היטן די אויגן גייענדיג אַהין, זאָל ער ענדערש נישט קומען אויפ'ן בית החיים...

כ"ק אדמו"ר מצאנז שליט"א דערציילט וועגן אַ בחור פון זיין קהילה, וואָס האָט געדאַרפט פאָרן קיין אויסלאַנד. וועלנדיג אָפהיטן זיינע אויגן אינעם לופטפעלד, וואו ס'איז דאָ גאָר אַסאַך מענטשן און מ'דאַרף וואַרטן לאַנג ביז עס וועט אָנקומען זיין רייע, איז דער בחור - אַ ירא שמים מרבים - צוגעגאַנגען צו אַ איד וואָס איז אויך געווען אינעם לופטפעלד, און איהם אָנגעבאָטן צוואָנציג דאָלאַר, אַז ער זאָל זיין פאַר איהם ווי זיינע 'אויגן'... ער זאָל איהם אַרומפירן אינעם וואַרט-זאַל פונעם עירפאָרט. דאָס הייסט, דער בחור וועט האַלטן זיינע אויגן פאַרמאַכט, און ער וועט זיך אָנלעהנען אויף דעם איד, וועלכער וועט איהם צופירן צום 'רעמפּ' דורך וועלכן די רייזענדע גייען אַרויף אויפ'ן עראָפּלאַן. יענער איד האָט מסכים געווען דערצו.

עטליכע מינוטן שפעטער, איז אַדורכגעפאָרן אַ 'גאָלף קאַר', וואָס ווערט גענוצט צוצופירן אינוואַלידן ל"ע צו די עראָפּלאַנען, און דער 'דרייווער' פונעם 'גאָלף קאַר' האָט געמיינט, אַז דער בחור איז אַ סגי נהור ל"ע. האָט ער איהם איינגעלאַדן, צוזאַמען מיט זיין 'באַגלייטער', אַרויפצוקומען אויף זיין 'גאָלף קאַר', און ער האָט זיי שנעל אַרויפגעפירט אויפ'ן עראָפּלאַן...

פון די מעשה קענען מיר זעהן, ווי אַזוי דער אויבערשטער העלפט פאַר דעם וואָס קלויבט אויס פאַר זיך דעם גוטן און ערליכן וועג.

אַלע מיאוס'ע איינרעדענישן פונעם יצר הרע'. דאָס וועט איהם גורם זיין אַ דאָפּעלטן תועלת: סיי אַז ער

---

אגב, הרה"ק בעל 'אמרי נועם' זי"ע שרייבט (אָנהייב פרשת בראשית), אַ רמז אין פסוק (ישעי' לג, טו) 'ועוצ**ם** עיני'**ו** מראו**'ת** בר'ע', איז סופי תיבות '**מעות**'. **דער מענטש וואָס האַלט זיך איין נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, איז זוכה אַז עס ווערט נשפע אויף איהם פון הימל אַ שפע פון פרנסה בהרחבה.**

די דאָזיגע ווערטער פונעם בעל 'אמרי נועם', טוהען אָפּפרעגן די טענה פון געוויסע מענטשן, אַז זיי דאַרפן די 'כלים' פאַר זייער פרנסה... ווייל אדרבה, פון די ווערטער פונעם 'אמרי נועם' זעהען מיר אַז דער 'צורך פרנסה' איז 'שמירת עינים' (זעה רש"י ישעי', דאָרט, פסוק טז).

**יג.** הגה"צ רבי גדלי' אייזמאַן זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת 'קול תורה' אין ירושלים, פלעגט יעדן טאָג אַהיימקומען פון תפילת שחרית אין ישיבה, אין באַגלייטונג פון אַ בחור פון די ישיבה, איינע פון די חשוב'ער תלמידים. איין טאָג ווען זיי זענען פאַרביי געגאַנגען אַ גרויסן מיסט-קאַסטן וואו עס זענען - זעלבסט-פאַרשטענדליך - אויך געווען אַסאַך קעץ וואָס האָבן געגראָבן אינעם מיסט און געקלאָגט, האָט דער משגיח זיך אָפּגעשטעלט, און געזאָגט צו דעם בחור:

- די דאָזיגע קעץ רעדן צו אונז... דו פאַרשטייסט וואָס זיי זאָגן?...

דער תלמיד האָט זיך זייער געוואונדערט אויף די ווערטער פונעם משגיח. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט צו זאָגן. דער משגיח האָט איהם נאָך אַמאָל געפרעגט אויב ער פאַרשטייט די 'שפראַך' פון די קעץ, און וואָס זיי זאָגן דאָ. האָט דער תלמיד געבעטן דעם משגיח, ער זאָל איהם ערקלערן זיין כוונה. האָט רבי גדלי' אייזמאַן איהם געזאָגט:

- די דאָזיגע קעץ ווענדן זיך צו אונז און זיי זאָגן, וואָס האָט איר, מענטשעלעך, זיך גרויס צו האַלטן איבער אונז... מיר זענען דאָך 'רייך' אַנטקעגן אייך. אונזער מצב איז פיל בעסער ווי ענקערס... זעהט נאָר, מענטשן, כדי איר זאָלט קענען זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ געשמאַקע סעודה, דאַרף איר זייער שווער אַרבעטן. ערשטענס, דאַרפט איר אַרבעטן שווער צו האָבן געלט צו קענען קויפן פּראָדוקטן צו עסן. צומאָל, אויך אויב איר האָט שוין דאָס געלט צו קויפן די פּראָדוקטן, און איר גייט אין געשעפט אַריין עס קויפן, געפינט איר אויס פונעם 'סעילסמאַן', אַז דער פּראָדוקט וועלכן איר זוכט, איז שוין אויספאַרקויפט... אויך אויב די פּראָדוקטן זענען בשעה טובה ומוצלחת יאָ אָנגעקומען אין אייער הויז, קענט איר עס נישט עסן תיכף. איר דאַרפט זיך נאָך פּלאָגן עס צו קאָכן און באַקן. עס פּאַסירט אויך אַז נאָך אַלע הכנות, ווערט די עסן קאַליע, און ס'איז ווייטער נישט דאָ וואָס צו עסן. אויך אויב דאָס מאכל איז צום סוף יאָ גוט און געשמאַק און גרייט פאַר די סעודה, קענען אָנקומען געסט אויף וועלכע איר האָט זיך נישט גערעכנט, און איר וועט ווייטער נישט האָבן גענוג צו עסן. און 'אחרי ככלות הכל', אויך ווען מ'האָט שוין יאָ באַוויזן צוצוגרייטן דאָס עסן, און ס'איז דאָ גענוג צו עסן אויך פאַר די געסט, דאַרף מען נאָך צוּוואַרטן ביז דער טיש וועט זיין גרייט, מיט די טעלערס, לעפלעך, גאָפּלעך און מעסער...

- אַנדערש פון ענק - האָט דער משגיח ווייטער געשילדערט די 'רעדע' פון די קעץ - מיר, קעצעלעך, האָבן נישט די אַלע דאגות און טירדות... אונזער עסן איז אייביג גרייט פאַר אונז דאָ, אין די מיסט-קאַסטענס. ס'זענען נישטאָ קיין טעג ווען די געשעפטן זענען געשלאָסן, און מיר דאַרפן נישט מורא האָבן אַז עס וועלן קומען אומגעוואונטשענע געסט. עס איז דאָ גענוג פאַר אַלע קעץ, אָן שטערונגען און אָן באַגרעניצונגען, און מיר דאַרפן נישט וואַרטן לאַנג אויף די 'סעודה'... באַלד ווען מיר זעהען די אַרויסגעוואָרפענע עסן, שלינגען מיר עס מיט אַ געוואַלדיגע הנאה. ממילא, זאָגט אַליין - מענטשעלעך - צי זענען מיר נישט פיל מער גליקליכער פון אייך?...

רבי גדלי' אייזמאַן האָט ווייטער געזאָגט צו דעם בחור:

- לכאורה, האָבן די קעץ רעכט מיט זייער טענה... עס פעלט זיי גאָרנישט, זיי האָבן נישט קיין באַגרעניצונגען און קיינע גדרים און סייגים. נאָר וואָס דען, סוף כל סוף, איז זייער גאַנצע הנאה פון מיאוס'ע זאַכן, וואָס מיר, מענטשן בעלי דעת, קענען נישט אויסהאַלטן דעם שלעכטן ריח, אַפילו אַ קורצע צייט. און אויך אויב מיר וועלן שמעקן אַפילו אַ פּופּציגסטל פון דעם ריח, וועלן מיר באַלד אַריבערלויפן אויף דער צווייטער זייט גאַס...

דער משגיח האָט צוגעענדיגט זיינע ווערטער: די פּורקי עול - סיי די 'מומרים לכל התורה כולה', און סיי די וואָס זענען אין גדר פון אַ 'מומר לדבר אחד', און קוקן מיט שפּאָט אויף אידן וואָס זענען מדקדק בקלה כבחמורה,

און רירן זיך נישט אַוועק אפילו מיט אַ האָר פון שמירת התורה והמצוות, מיט אַלע גדרים און סייגים וואָס די חכמי הדורות האָבן מתקן געווען. די פורקי עול זאָגן: זעהט נאָר ווי גליקליך מיר זענען, אַז מיר האָבן אַלעס, און מיר דאַרפן זיך נישט אָפּהאַלטן פון קיין שום זאַך. מיר לעבן אָן באַגרעניצונגען. אַלעס איז אונז ערלויבט, אָבער פאַר אייך, איז אַלעס פאַרבאָטן און באַגרעניצט. איר האָט נאָך אַפילו 'גדרים' און 'סייגים' אויף יעדער זאַך.

- וועלן מיר זיי ענטפערן: יאָ, איר מיינט איר זענט 'גליקליך', אָבער איר האָט אַ פאַרגעניגן פון מיאוס'ע זאַכן, פון שמוץ, אַזוי ווי די קעץ וואָס לעקן מיט פאַרגעניגן פון די עקלדיגסטע מיסטן. אָבער מיר, וואָס מיר היטן אָפּ מיט צופרידנהייט אונזערע גדרים און סייגים, רייניגן מיר אונזער 'שיעור קומה', און ס'איז קלאָר פאַר יעדן פאַרשטאַנדיגן מענטש, ווער פון אונז ס'איז דער אמת'דיגער גליקליכער...

דער פה מפיק מרגליות הרב אברהם מרדכי מלאך שליט"א, האָט דערציילט אַ מעשה מיט אַ טויב וואָס איז ליידער געבוירן געוואָרן אָן פליגל צו פליהען. די טויב איז געווען זייער צובראָכן, צוזעהענדיג ווי אַלע אירע חבר'טעס פליהען אַרום וויפיל עס גליסט זיי, דאָ און דאָרט, און זי קען זיך קוים רירן פון אָרט. זי גייט אַרום אַזוי ווי אַן אַלטע 'זקנה'... אירע חבר'טעס און משפחה פייגל זענען אַרומגעפלויגן אין משך פונעם טאָג, זיי האָבן 'געזעהן אַ וועלט' פאַר זייערע אויגן, ימים און טייכן, בערג און טאָלן, שיינע פּאַנאָראַמעס א.א.וו., און פאַרנאַכטס פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען און דערציילן איינער פאַר'ן אַנדערן אַלעס וואָס זיי האָבן געזעהן אין משך פונעם טאָג, און זי איז געזעסן און באַוויינט איר ביטערן מצב, הערנדיג די אַלע וואונדערליכע דערציילונגען פון דער גרויסער וועלט.

איר צער איז געווען אומדערטרעגליך, האָט זי זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט און מיט אַ געוויין זיך געשריבן פאַר איר באַשעפער, טאַטע אין הימל, עד מתי... נישט נאָר וואָס איך זיץ אַ גאַנצן טאָג אַליין אָן אַ חבר און גוטן פריינט, ווייל אַלע פליהען אַרום איבער דער וועלט און איך בין איינגעשפּאַרט אינדערהיים, דאַרף איך נאָך דערצו הערן פון זיי וואָס איך 'פאַרפּאַס' יעדן טאָג... איך קען נישט אויסהאַלטן אַזאַ שווערע לאַסט.

דער אויבערשטער האָט אויסגעהערט איר תפילה, און דעם קומענדיגן פרימאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען מיט צוויי גרויסע שיינע פליגל אַזוי ווי אַלע אירע חבר'טעס פון זעלבן עלטער. וויבאַלד זי איז אָבער נישט געווען געשולט צו פליהען, און זי האָט נישט געוואוסט אַז די 'בערג' וואָס האָבן דאָ אויפגעשפּראָצט פון ביידע זייטן, זענען גאָר די פליגל וואָס זי האָט אַזוי באַוויינט דעם פאַקט וואָס זי האָט זיי נישט פאַרמאָגט, און זי איז ווייטער געגאַנגען מיט אירע קליינע פיס, נישט זיך אויפהייבנדיג צו פליהען. גייענדיג אויף די פיס, האָט זי אָבער געשפּירט גאָר אַ שווערע לאַסט (פון די פליגל), און זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל, און האָט ווידער יאָמערליך באַוויינט איר מצב: ליבער דערבאַרימדיגער פאָטער, נישט גענוג אַז איך בין געבוירן געוואָרן מיט אַ פעלער אַז איך קען נישט אַרומפליהען אַזוי ווי אַלע מיינע חבר'טעס, איז נאָך נגזר געוואָרן אויף מיר אַזאַ שווערע און שרעקליכע גזירה, אַז איך זאָל דאַרפן טראָגן די גאַנצע לאַסט פון די פליגל... וואָס וועט זיין דער סוף מיט מיר... אויך דאָס ביסל וואָס איך האָב נאָך געקענט גיין פון דאָ ביז דאָרט, האָב איך שוין אויך פאַרלוירן.

איז אַרויסגעגאַנגען אַ 'בת קול' פון הימל און האָט אויסגערופן: טייער קינד, נישט אַ 'לאַסט' און נישט אַ 'שווערקייט' האָט מען אויף דיר אַרויפגעלייגט. דאָס זענען די וואונדערליכע 'פליגל', וואָס דו האָסט אַזוי שטאַרק געגליסט נאָך זיי... עפן דעם רעכטן פליגל, און דערנאָך דעם לינקען פליגל, און לאָז זיך אַרויס אויף אַ רייזע איבער דער וועלט מיט'ן גאַנצן כח און שמחה. פלי אַרויף, וועסטו אָנקומען ביז די הימלען, גאָר הויך... פון די פליגל וועסטו וויסן נאָר גוטס, כאָטש עס זעהט יעצט אויס אין דיינע אויגן ווי אַ שווערע לאַסט און אַ שטראָף ל"ע, אדרבה! ס'איז אַ 'גן עדן' אויף דער וועלט.

לדידן יאמר, פאַר דעם בחור אָדער יונגערמאַן, און פאַר יעדן איינעם פון אונז, דאַכט זיך אַמאָל אַז עס ליגט אויף איהם אַ שווערע לאַסט, אוי... מ'טאָר נישט גיין אין יענעם אָרט, מ'טאָר נישט קוקן דאָ, און מ'טאָר נישט טראַכטן וועגן יענע זאַך. איך דאַרף פאַרבלייבן אויף מיין אָרט ווי אַ גולם און... לערנען תורה... דאַווענען... דער אמת איז אָבער, אַז עס גייט אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און רופט אויס, טייער קינד, נישט אַ 'לאַסט' האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דיר, נאָר **דאָס זענען וואונדערליכער 'פליגל' וואָס דו האָסט אַזוי שטאַרק געגליסט צו האָבן... עפען דיינע אויגן און זעה וואָס פאַר אַ 'גן עדן' האָט מען דיר געגעבן פון הימל, דו ווייסט דאָך אַז 'אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה'** (אבות פ"ו, מ"ב). נאָר וואָס דען? עס דאַכט זיך דיר אַז דיר איז 'שווער', דו ביזט 'צוגעבונדן' מיט שטריק... **אויב דו וועסט נאָר אָנהייבן לערנען, וועסטו שפּירן אַ וואונדערליכן און זיסן טעם. אויב דו וועסט**

וועט האָבן אַ כפרה און תיקון הנפש פאַר'ן עבר, און סיי אַלס אַ שוץ קעגן דעם יצר אין די מלחמה מיט איהם אין דער צוקונפט.

**דער** 'אור החיים' הקדוש זי"ע פרעגט אויפ'ן פסוק אין דער הייליגער סדרה (כה, יז) 'צרור את המדינים', אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, ווי קומט אַריין דער פסוק דאָ אין דער פרשה. עס וואָלט ענדערש געדאַרפט געשריבן ווערן אין פרשת מטות, וואו די אידן זענען באַפוילן געוואָרן צו קעמפן אין דעם אויבערשטען'ס מלחמה קעגן מדין.

**ענטפערט** דער 'אור החיים' הקדוש, אַז דער פסוק מיינט נישט דאָ צו באַפעלן וועגן אַ מלחמה צו פאַרטיליגן די מדינים, נאָר די כוונה פון פסוק איז, אַז מ'דאַרף זיי פיינט האָבן. דאָס איז איינער פון די תיקונים פון תשובה. עס איז אַ סגולה פאַר דעם מענטש וואָס וויל לעבן, ווייל דורך דעם דערווייטערט ער פון זיך די תאווה צו די עבירה. ער וועט מער נישט זינדיגן, און אויך וועט ער האָבן אַ כפרה אויף דעם וואָס ער האָט שוין געזינדיגט.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, 'צרור את המדינים', דו זאָלסט אַוועקשטעלן אַ 'גדר' פיינט צו האָבן דעם יצר הרע, און דאָס איז איינע פון די תיקונים פון תשובה. און ער זאָגט 'צרור' - מיט אַ 'לשון הוה' - עס זאָל זיך שטאַרקן אין דיר די שנאה, אזוי אַז עס זאָל ווערן אין דיר א טבע פון פיינטשאַפט צו דעם יצר הרע, עכל"ק.

**גלייכצייטיג** דערמיט, זאָל דער מענטש שטאַרקן אין זיך געפילן פון אהבת ה', ער זאָל האָבן אַ שמחה און אַ תענוג ווען ער איז מקיים די מצוות פון דעם אויבערשטען.

**אַזוי** געפינען מיר אין דער הייליגער סדרה, אַז די תורה טוט אויסלויבן דעם מענטש וואָס האָט ליב מקיים צו זיין די מצוות, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (כז, א) 'ותקרבנה בנות צלפחד בן חפר, בן גלעד בן מכיר בן מנשה למשפחת מנשה בן יוסף'.

**פרעגט** רש"י, וויבאַלד דער פסוק דערמאנט שוין אַז זיי האָבן געשטאַמט פון שבט מנשה, ווייסן מיר דאָך אַז זיי האָבן געשטאמט פון שבט יוסף, פאַרוואָס דאַרף דער פסוק דערמאנען אַז מנשה איז געווען דער זון פון יוסף?

**ענטפערט** רש"י, אַז דער פסוק קומט אונז לערנען, יוסף הצדיק האָט ליב געהאַט דאָס ארץ ישראל און אויך זיינע טעכטער (אייניקלעך) האָבן ליב געהאַט דאָס לאַנד. זיי האָבן געזאָגט (פסוק ד) 'תנה לנו אחוזה'.

**וואונדערליכע** ווערטער שרייבט דער 'ברטנורא', אויף דער משנה (אבות פ"ב, מ"ד) 'שכר מצוה מצוה'. דער תענוג וואָס דער מענטש פילט ביים מקיים זיין די מצוה, ווערט גערעכענט אַזוי ווי אַ מצוה פאַר זיך, און ער באַקומט שכר סיי פאַר'ן עצם טוהן די מצוה, און סיי פאַר דעם פאַרגעניגן וואָס ער האָט גענאָסן ביים טוהן די מצוה.

### בדין הוא שיטול שכרו - נישט ענטפערן ווען מען ווערט פארשעהמט

**מיר** לייענען אָנהייב הייליגע סדרה, דער אויבערשטער זאָגט וועגן פינחס (כה, יב) 'לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום'. זאָגט דער מדרש (במדב"ר פכ"א, א) דער אויבערשטער האָט געזאָגט, ער פאַרדינט על פי דין צו באַקומען זיין שכר.

**זאָגט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (פרשתינו, ד"ה 'לכן אמור'), דער פסוק זאָגט (איוב מא, ג) 'מי הקדימני ואשלם לו'. זאָגט דער מדרש (ויק"ר פכ"ז, ב) אַז באמת מן הדין איז דער באַשעפער נישט מחויב צו באַצאָלן שכר פאַר'ן מקיים זיין מצוות: ווער האָט דען גע'מל'עט זיין זון איידער איך האָב איהם געגעבן אַ בן זכר. ווער האָט געמאַכט פאַר מיר אַ צוים איידער איך האָב איהם

---

**נאָר היטן דיינע אויגן, נישט צו קוקן... וועסטו פילן אַ וואונדערליכע הארה און געהויבענע שמחה, ביז דו וועסט זיך שפירן ממש ווי אַ 'פרייער פויגל' וואָס פליהט גאָר הויך.** מיט דער גאַנצער 'לאַסט' וואָס זעהט אויס אין דיינע אויגן ווי אַ 'לאַסט', וועסטו זיך קענען אויפהייבן און פליהען הויך, און דו וועסט אָנקומען ביז די הויכע הימלען, גבוה מעל גבוה... די אַלע 'מעשים טובים' וואָס זעהען אויס אין דיינע אויגן ווי אַ משא ח"ו, וועלן דיר נאָר גורם זיין אַ 'טעם גן עדן'.

געגעבן אַ דאַך צו בויען דערויף אַ צוים. ווער האָט געמאַכט פאַר מיר אַ מזוזה, איידער איך האָב איהם געגעבן אַ הויז. ווער האָט געבויט פאַר מיר אַ סוכה איידער איך האָב איהם געגעבן אַן אָרט צו בויען דערויף זיין סוכה. ווער האָט געמאַכט פאַר מיר אַ לולב איידער איך האָב איהם געגעבן געלט צו קויפן דעם לולב. ווער האָט געמאַכט פאַר מיר ציצית, איידער איך האָב איהם געגעבן אַ טלית...

**וזען** טוט דער מענטש זיך יאָ 'פעדערן' פאַר דעם אויבערשטען כביכול? ווען ער הערט ווי איינער פאַרשעהמט איהם און ער ענטפערט נישט, דאַן איז ער 'מקדים' פאַר דעם אויבערשטען, ווייל דאָ האָט דער אויבערשטער איהם גאָרנישט געגעבן פאַר זיין שווייגן, ווייל דאָס וואָס איז געווען פריער איז דאָך געווען די בזיונות וואָס אַ צווייטער מענטש האָט איהם פאַרשעהמט...

**דאָ,** ביי פינחס, וועלכער איז געווען אַ 'מעביר על מידותיו', און האָט נישט געענטפערט ווען די שבטים האָבן איהם פאַרשעהמט זאָגנדיג אַז ער איז אַ 'בן פוטי', וואָס זיין מאמע'ס טאטע האָט געשטאָפּט קעלבלעך פאַר די עבודה זרה (ווי רש"י זאגט), און פינחס איז געווען פון די 'נעלבים ואינם עולבים, שומעין חרפתן ואין משיבין', ער האָט נישט געענטפערט אפי' מיט אַ וואָרט פאַר די אַנדערע שבטים ווען זיי האָבן איהם פאַרשעהמט, האָט דער אויבערשטער געזאָגט אויף דעם, 'בדין הוא שיטול שכרו' - פינחס פאַרדינט צו באַקומען שכר מיט'ן דין, נישט נאָר מיט מדת החסד, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך קלאָר געזאָגט 'מי הקדימני ואשלם לו', אַז אויב דער מענטש פעדערט זיך צו טוהן די מצוה איידער דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן די מעגליכקייט דערצו, צאָלט דער אויבערשטער איהם יאָ שכר לויט מדת הדין[יד].

**אויף** אַן אַנדער אָרט (תורת משה', פ' נח, ד"ה 'קץ') שרייבט דער 'חתם סופר', אַז משה רבינו ע"ה האָט באַקומען אַ קצבה צו לעבן 120 יאָר, און דער באַשעפער, דער 'מסבב כל הסיבות' האָט צוגעפירט אַז די אידן זאָלן זיך דאַרפן אויפהאַלטן אין מדבר פערציג יאָר, און ווען די צייט האָט זיך געענדיגט האָט משה רבינו ע"ה געוואָלט אַריינקומען אין ארץ ישראל, אָבער דער

**יד.** עס ווערט דערציילט, אַז הרה"ק רבי ברוך'ל מעזיבוזער זי"ע איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ שבת צו דער שטאָט זשיטאָמיר. דער רבי ר' ברוך'ל איז אָנגעקומען פרייטאָג, און עס זענען איהם אַנטקעגן געקומען אַרויס פון שטאָט, אַ גרויסער עולם פון די אָרטיגע אידן. צווישן דעם עולם איז געווען אַ פשוט'ער מענטש, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ פּראָסטע פאַמיליע, נאָר דאָס מזל האָט איהם צוגעשפּילט און ער איז געוואָרן זייער רייך.

ווען דער איד האָט געגעבן 'שלום' פאַר'ן רבי'ן רבי ברוך, האָט דער רבי ר' ברוך איהם אָנגעקוקט און איהם געפרעגט אויב ער איז מסכים אַרויפצוקומען אויף זיין וואָגן און מיטפאָרן מיט איהם אין שטאָט אַריין. זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז דער פּראָסטער מענטש האָט מסכים געווען. א קלייניגקייט? - אַזאַ אויסערגעוועהנליכער כבוד, צו פאָרן מיט'ן רבי'ן אין שטאָט אַריין... פאַר די אַרומיגע האָט עס זייער נישט געשמעקט, אַז דער רבי גיט אָפּ אַזוי פיל כבוד פאַר אַ פּראָסטאַק און נידעריגע בריה... ספּעציעל אַז ס'זענען דאָרט געשטאַנען חשוב'ע אידן פון שטאָט. אָבער קיינער האָט דאָך נישט געקענט פרעגן קשיות אויפ'ן רבי'ן רבי ברוך'ל... 'ומי יבוא אחר המלך'...

ווען דער איד איז שוין געווען אויפ'ן וואָגן און מ'איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין, האָט דער רבי ר' ברוך'ל אויפ'ן וועג געפרעגט דעם איד, אויב ער איז מסכים אַז ער זאָל איינשטיין ביי איהם אין הויז. דער איד האָט נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטוהן פון גרויס פרייד, אויף די זכי' וואָס ער האָט אַז דער רבי וועט איינשטיין ביי איהם אין הויז. ער האָט טאַקע צוגעשטעלט זיין הויז פאַר'ן רבי'ן רבי ברוך'ל און זיין פמליא, בכבוד ובריווח, ווי ס'איז דער סדר ביי חשוב'ע 'באַלעבאַטים'... די שטאָט-לייט, אָבער, האָבן נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטוהן פון גרויס צער און עגמת נפש, אַז דער רבי גיט אָפּ אַזוי פיל כבוד פאַר דעם פּראָסטן פאַרשוין, און נישט פאַר אַנדערע חשוב'ע אידן אין שטאָט. זיי האָבן דאָך אָבער געוואוסט ווי גרויס דער רבי ר' ברוך'ל איז, האָבן זיי נישט געוואגט צו זאָגן אַ וואָרט.

זונטאָג נאָך שבת, זענען די שטאָט-לייט אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן מיט 'קוויטלעך'. אויך דער בעה"ב, דער עושר, איז אַריינגעקומען מיט אַ קוויטל. צו זיין שטוינונג, האָט דער רבי ר' ברוך'ל איהם געפרעגט, אויב ער וויל זיך משדך זיין מיט איהם, ער -דער רבי - האָט אַ זון, און דער עושר האָט אַ טאָכטער... 'לאָמיר זיך אַלזאָ משדך זיין'... האָט

דער רבי ר' ברוך איהם געזאָגט. דער בעל אכסניא האָט באַלד אויפ'ן אָרט מסכים געווען, און דער רבי האָט איהם דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט 'מזל טוב'... 'מזל טוב'...

ווי אַ פייל-און-בויגן האָט זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט די שמועה וועגן דעם שידוך, און די שטאָט האָט זיך גע'רעש'ט פון עק צו עק: היתכן, אַזאַ צדיק מפורסם און אַ מיוחס - אַן אייניקל פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע - זאָל זיך משדך זיין מיט אַ פּראָסטן פאַרשוין? און נאָך מער, יעדער אין שטאָט האָט גוט געדענקט וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטוהן צוואָנציג יאָר פריער, ווען עס איז אַרויס אַ שמועה אויף דעם פאַרשוין אַז ער האָט אָפּגעטוהן די האַרבסטע זאַכן רח"ל, און מ'האָט איהם דאַן אַרומגעפירט איבער גאַנץ זשיטאָמיר און אַלע האָבן איהם פאַרשעהמט מיט שרעקליכע בזיונות, 'למען ישמעו ויראו'... און כאָטש ביז יעצט האָט קיינער נישט דערציילט וועגן דעם פאַר'ן רבי'ן ר' ברוך'ל (ווער ער האָט אויסגעקליבן איינצושטיין ביי דעם עושר אין הויז), אָבער יעצט, ביי דעם שידוך, וואָס האָט שוין אָנגערירט דעם כבוד פונעם רבי'ן אַליין, און דעם כבוד פון זיינע הייליגע עלטערן, טאָר מען דאָך עס נישט פאַרשווייגן...

איז אַ דעלעגאַציע פון די 'פני העיר' פון שטאָט אַריינגעאַנגען צום רבי'ן ר' ברוך'ל מעזיבוזער, און איהם דערציילט דעם 'סוד' וועגן דאָס 'חשיבות' פון זיין נייעם 'מחותן'... ער איז אַ פּראָסטער מענטש, און נישט נאָר דאָס, נאָר צוואָנציג יאָר צוריק איז אַרויס אויף איהם אַ שלעכטער נאָמען אין שטאָט, און ווער ווייסט....

הערנדיג זייערע ווערטער, האָט אַ געפיל פון צער און עגמת נפש אַרומגענומען דעם הייליגן רבי'ן ר' ברוך'ל, און ער האָט געזאָגט: באַלד ווען איך האָב איהם געזעהן, האָט מיך אַרומגענומען אַ שטאַרקער חשק און באַגער זיך משדך צו זיין מיט איהם, און עס האָט מיר אויסגעזעהן אַז מ'האָט מיר אונטערגעשיקט פון הימל דעם דאָזיגן שידוך. ממילא, וועל איך זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז ער זאָל דערלייכטן מיינע אויגן, און די אויגן פון אַלע מיינע גוטע פריינט, צו זעהן אַז איך האָב נישט געגרייזט מיט'ן טוהן דעם שידוך. און בנוגע אייער טענה - וועל איך זיך נאָך אַמאָל מתבונן זיין אין דעם וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט, און איך וועל אייך געבן אַן ענטפער.

דער דערמאַנטער באַזוך פון רבי'ן ר' ברוך'ל זי"ע אין זשיטאָמיר, איז פאָרגעקומען אַ צייט נאָך דער הסתלקות לחיי עולם הבא פון הייליגן בעל 'אור המאיר' זי"ע, וועלכער האָט געוואוינט אין שטאָט, און דער רבי ר' ברוך'ל איז געקומען פאר אַ באַזוך צו די אלמנה, כדי איר אָפּצוגעבן דעם כבוד זייענדיג אַן 'אשת חבר' פון אַזאַ גרויסן און הייליגן רבי'ן ווי דער בעל 'אור המאיר'. ווען דער רבי ר' ברוך איז אַריינגעקומען אין הויז פון די רעביצין, האָט זי זיך אָנגערופן:

- נעכטן איז מיר געוואָרן קלאָר אַז דער רבי איז אַן אמת'דיגער צדיק און דער גדול הדור.

זי האָט אָנגעוויזן פאַר'ן רבי'ן ר' ברוך'ל אויף איינע פון די פענצטער פון איר הויז, און דאַן האָט זי איהם געזאָגט:

- ביי דעם פענצטער, בין איך געשטאַנען מיט מיין הייליגן מאַן זי"ע צוואָנציג יאָר צוריק, ווען מ'האָט אַרומגעפירט אייער 'מחותן' איבער די גאַסן פון שטאָט און מ'האָט איהם פאַרשעהמט מיט שרעקליכע בזיונות און חרפות, שרייענדיג, 'ככה יעשה לאיש', וואָס האָט אָפּגעטוהן אַזעלכע שענדליכע מעשים. דאַן האָט מיין מאַן מיר געזאָגט: 'זעהסטו, דער גרויסער המון לויפט נאָך אַ איד אַ צדיק, וועלכער איז ריין פון יעדן זינד. הלוואי זאָל איך האָבן די זכיה אַרויסצוגיין זכאי בדין נאָך 120 יאָר, אַזוי ווי ער וועט אַרויסגיין ריין און לויטער ביים משפט ווען ער וועט שטיין פאַר'ן בית דין של מעלה...

- מיין הייליגער מאַן האָט דאַן אויסגעפירט - האָט די רעביצין פונעם בעל 'אור המאיר', ווייטער דערציילט פאַר'ן רבי'ן ר' ברוך'ל זי"ע - אַז אַלס שכר פאַר די שרעקליכע בזיונות וואָס דער איד האָט געליטן, וועט ער זוכה זיין צו ווערן אַ מחותן מיט איינע פון די צדיקי הדור... **יעצט האָב איך געהערט אַז איר האָט זיך משדך געווען מיט איהם, פאַרשטיי איך פון דעם אַז מיין הייליגער מאַן זי"ע האָט אייך געמיינט...**

די ווערטער פון די אלמנה פונעם 'אור המאיר', זענען שנעל באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט, און גאָר גרויס איז געווען די פרייד זעהענדיג ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון בזיונות, צו וואָס מ'קען אַלץ זוכה זיין ווען מ'ליידט אַ בזיון. דער עולם איז אַריבערגעאַנגען צום הויז פונעם עושר, וואו ס'איז געפּראַוועט געוואָרן די שמחה פונעם 'תנאים', כדי הגבירים, מתוך רוב צהלה ושמחה.

מורא'דיגע ווערטער שרייבט דער 'ספר חסידים' (סימן רטז) אַז אויב דו זעהסט אַ רשע וואָס איז רייך, ער איז מצליח אין זיינע געשעפטן, און צוליב זיין רייכטום מאַכט ער חתונה זיינע קינדער מיט גרויסע און חשוב'ע לייט,

אויבערשטער האָט איהם געענטפערט (דברים ג, כו) 'רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה', ווייל דיין באַשטימטע קצבה פון יאָרן אויף דער וועלט האָט זיך שוין געענדיגט, אָבער משה רבינו ע"ה האָט געבעטן נאָך יאָרן, ווייל חז"ל זאָגן (חגיגה ה.) אַז אויב אַ מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט ח"ו פאַר דער צייט טוט דער אויבערשטער אַוועקשענקען זיינע יאָרן צו אַ 'צורבא מרבנן' - אַ יונגען תלמיד חכם - וואָס איז אַ 'מעביר על מדותיו'. ממילא, אויף דעם גאַנצן דור המדבר איז דאָך געווען אַ גזר דין אַז זיי זאָלן שטאַרבן פאַר זייער צייט, און אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל משה נישט קענען באַקומען יאָרן צו לעבן פון די איבערגעבליבענע יאָרן פון די אידן. וועגן דעם האָט ער געבעטן 'אעברה נא ואראה את הארץ הטובה' (דברים ג, כה), איך וויל אַריינגיין און זעהן דאָס גוטע לאַנד, ארץ ישראל.

**אויף** דעם האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט, אַז וויבאַלד ער האָט געזאָגט (במדבר כ, י) 'שמעו נא המורים', קען ער נישט באַקומען די יאָרן פון די מענטשן פונעם דור המדבר, נאָר פינחס קען זיי באַקומען, וויבאַלד ער האָט געליטן בזיונות, ווי רש"י שרייבט (אנהייב היינטיגע סדרה) 'שהיו השבטים מבזין אותו, ראיתם בן פוטי זה בן שפיטם אבי אמו עגלים לעבודת כוכבים', און פינחס האָט טאַקע זוכה געווען צו באַקומען די אַלע יאָרן פון די מענטשן פונעם דור המדבר וואָס זענען געשטאָרבן פאַר דער צייט, און ער איז געוואָרן אליהו וואָס ער לעבט אייביג.

**לויט** דעם, טייטשט דער חיד"א זי"ע ('פתח עינים') די משנה (אבות פ"א, מי"ז) 'שמעון בנו אומר, כל ימי גדלתי בין החכמים, ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה'. איך האָב זיך אַלע מיינע יאָרן ערצויגן צווישן די חכמים, און איך האָב נישט געפונען אַ בעסערע זאַך פאַר דעם גוף, ווי שווייגן. זאָגט דער 'ברטנורא', אַז דאָס גייט אַרויף אויף איינעם וואָס הערט ווי מ'פאַרשעהמט איהם און ער שווייגט.

**זאָגט** דער חיד"א, אַז מ'קען עס ערקלערן, לויט ווי הגה"ק רבי משה קורדובארו זי"ע שרייבט, אַז ס'איז נישט דאָ צווישן אַלע סיגופים און תעניתים אַ זאַך וואָס טוט צוגרייטן דעם מענטש און איז מכפר אויף זיינע עבירות, אַזוי ווי איינער וואָס הערט זיין שאַנדע און ער שווייגט און איז מוחל. 'כי אדם אין צדיק בארץ אשר לא יחטא', און מ'דאַרף זיך אַסאַך מסגף זיין און פאַסטן, אָדער נעמען אויף זיך יסורים און אָרימקייט א.ד.ג. וואָס יעדעס איינע פון זיי איז ערגער ווי דער טויט, אָבער דער מענטש וואָס איז אַ 'מעביר על מידותיו', עסט און טרינקט און שפייזט זיך גוט, און דער אויבערשטער איז איהם מוחל זיינע עבירות[טו].

---

זאָלסטו זיך נישט וואונדערן דערויף. וויסן זאָלסטו, אַז די גאַנצע סיבה און מטרה פונעם רייכטום וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן, איז נאָר כדי גרויסע לייט און צדיקים זאָלן נעמען זיין קינדער און זיך משדך זיין מיט איהם, וואָס ווען נישט זיין רייכטום, וואָלטן זיי זיך נישט משדך געווען מיט איהם, צוליב זיין רשעות. **פאַרוואָס איז ער זוכה צו דעם, סיי צום רייכטום, און סיי אַז גדולי ישראל זאָלן זיך משדך זיין מיט איהם?** דאָס קומט איהם, אָדער אין זכות פון זיינע אבות וואָס טוט איהם ביישטיין, אָדער **ווייל מ'האָט איהם אמאל פאַרשעהמט, און דער זכות פונעם בזיון וואָס ער האָט געליטן איז איהם בייגעשטאַנען ער זאָל ווערן רייך און האָבן קינדער תלמידי חכמים.**

(פון דאָ לערנען מיר 2 נקודות. א. אַז אויך אַ רשע קען זוכה זיין צו אַלע טובות אויב ער שווייגט ווען מ'פאַרשעהמט איהם, איז דאָך אַ קל וחומר איינער וואָס איז אַן ערליכער איד, אויב ער שווייגט, וועט ער האָבן גאָר אַ גוטן חלק. ב. זעה ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט, אַז יעדער מענטש זאָל באַקומען זיין באַשערטן זיווג).

**טו. הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, דער 'משגיח' פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, פלעגט זאָגן, אַז דער מענטש וואָס ליידט בזיונות איז זוכה צו כפרת עוונות, אַזוי ווי אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור.**

אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט די ווערטער פון חז"ל (ספר 'שמירת הלשון', שער התבונה, פ"ח) אַז דוד המלך ע"ה האָט זוכה געווען צו זיין דער 'רגל רביעי שבמרכבה' - דער 'פערטער פוס' פון די 'מרכבה עליונה', אין דער מינוט ווען ער איז געשאָלטן געוואָרן פון שמעי בן גרא, און דוד האָט געזאָגט מ'זאָל איהם אָפּלאָזן, 'כי ה' אמר לו קלל' - ווייל דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט ער זאָל שעלטן. דאָס איז דערפאַר, ווייל באמת איז אַ מענטש וואָס האָט אַ גשמיות'דיגן גוף, קען נישט זוכה זיין צו ווערן דערהויבן צו אַזאַ געהויבענע מדריגה, נאָר די בזיונות וואָס שמעי בן גרא האָט איהם פאַרשעהמט זענען געווען ממש אַזוי ווי 'שפיכות דמים', ווי די גמרא זאָגט (ב"מ נח:) 'אזיל

**איך** דעם זאָגט דער תנא פון דער משנה: לא מצאתי 'לגוף' - איך האָב נישט געפונען פאַר'ן 'גוף' פונעם מענטש דייקא, אַז דער מענטש זאָלן נישט דאַרפן ליידן יסורים ח"ו אין זיין גוף אָדער ביי געלט זאַכן, אָדער סיגופים, אַ בעסערע זאַך ווי שוויגן, ווייל עס איז גוט פאַר דעם גוף, וואָס ער עסט און טרינקט און ער איז געזונט, און ער איז זוכה צו אַ כפרה דורכ'ן שוויגן.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין איהם צו דינען מתוך שמחה ודיצה[טז], און ער זאָל אונז בקרוב אויסלייזן פון דער געפּענגענשאַפט פון דעם ביטערן גלות, מיר זאָלן זוכה זיין צו השראת השכינה ביי אידישע קינדער, ומתוך בריות גופא ונהורא מעליא זאָלן מיר זוכה זיין מקבל צו זיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

---

סומקא ואתי חיוורא' - עס גייט אַוועק דער רויטער קאָליר פונעם פנים פון דעם מענטש וואָס איז פאַרשעהמט געוואָרן, און ער באַקומט אַ ווייסן קאָליר. קומט אויס אַז דאַן ווערן אָפּגעטוהן פון איהם אַלע 'שלעכטע בלוטן', און עס בלייבט אין איהם נאָר דער גוטער חלק וואָס איז אינגאַנצן רוחניות, ביז ער קען שוין זיין דער 'רגל רביעי' פון די 'מרכבה'.

**טז.** כאָטש מ'דאַרף זיך פירן מיט די דינים פון אבלות אין די וואָכן פון 'בין המצרים', אָבער 'עצבות מאן דכר שמיה'... אַ איד טאָר נישט קיינמאל נישט זיין טרויעריג און צוגעלייגט.

צדיקים האָבן געזאָגט, אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט פרשת פנחס אין די טעג פון 'בין המצרים', ווייל אין דער פרשה איז געזאָגט געוואָרן דער ציווי פון די קרבנות וואס מ'איז מקריב אין די ימים טובים, אַז מיר זאָלן לערנען די דינים פון די קרבנות, וואָס מיר וועלן בקרוב זוכה זיין מקריב צו זיין אין בית המקדש שיבנה במהרה בימינו.